NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12801

# MOYSHE

Jacob Pat

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# משה.

דערציילט פאר קינדער

— פון —

**יעקב פאט.**

פערטע אויפלאגע.

פארלאג
„דאס בוך“
ביאליסטאק.

13/1692

Printed in Poland

פארלאג
דאס בוך
ביאליסטאק

## מײַן זון עמנואלקען
## א מתּנה.

### א.

דאָס איז געװען אין דעם װײטן לאַנד מצרים — דאָרט, װאו עס זײַנען אַמאָל יעקבס קינדער געקומען צו זײער ברודער יוסף, דעם שני למלך, ברויט קויפן אין הונגער־יאָר און זײַנען דאָרט פאַרבליבן קנעכט בײַ פּרעה דעם מלך פון מצרים.

— מאַכן ציגל, בויען שטעט און די אינגלאַך זאָל מען אין טײַך נילוס אַרײַנװאַרפן... — איז געװען די גזרה פון אכזר דעם מלך.

אויף גרויסע װיסטע פעלדער זײַנען אונזערע זײדעס־זײ־דעס געשטאַנען באָרװיסע און געקנאָטן לײם מיט שטרוי, ציגל געמאַכט און אויפן זון געבריענט. מאות ציגל א טאָג האָט יעדער געמוזט מאַכן, שטרוי צו די ציגל האָט מען ניט געגעבן — מען האָט געמוזט אַלײן געפינען. און הײס איז געװען, װײל

פייער-הייס איז אין מצרים. פון פאַרטאָג ביז שטאָק-נאַכט זייַנען די אידן געשטאַנען אין פעלד און מיט צעבלוטיקטע הענט און פיס די ציגל געמאַכט. פרעהס אויפזעערס האָבן מיט ריטער איבער זייערע לייבער געשלאָגן, אויב מען האָט זיך געוואָלט פון דער אַרבעט אָפּרוען.

— איר זייט פויל... איר ווילט ניט אַרבעטן!... — האָבן די אויפזעערס געשריען און געשלאָגן.

בלוטיקע שווייס מיט טרערן האָבן, ווי זאַלץ, אויף זייערע וואונדן געשמאַרצט; האָבן די ייִדעס געזיפצט פון שווערע מאַטערניש און — פאַר פרעהן מויערן געמאַכט, פעסטונגען, גאַנצע שטעט געבוים: פּתום און רעמסס.

און די אידישע אינגלאַך האָט מען אין טייך אַרייַנגעוואָרפן און דאָרטן אין וואַסער זיי דערטרונקען — עס האָט געוואָלט דער מלך פון מצרים, דער אכזר, זיי זאָלן אומקומען.

אַזוי שלעבט האָט מען געטאָן מיט די ליבע אייניקלאַך פון אברהם, יצחק און יעקב. פלעגן די מאַמעס באַהאַלטן זייערע קינדערלאַך אין פינסטערע קאַמערלאַך, שטעלכעלאַך און קעלערלאַך, — פלעגט מען אָבער זיי געפינען און פון זייערע הענט אַרויסרייסן. די פאַרשטיקטע קולות פון די קינדער האָבן זיך גאַנצע נעכט פון טייך געטראָגן און אפילו ביזן הימל דערגרייכט.

האָט געלעבט דאַמאָלסט אַ איד, עמרם, דער גרעסטער פון אַלע אידן, זיין ווייב האָט מען גערופן יוכבד און זיין טאָכטער — מרים.

האָט זיך מרימן בײַנאַכט אַ חלום געחלומט: איר מאַמע וועט אַן אינגעלע געבוירן, וואָס עס איז נאָך ניט געווען אַזױנער, און אַ גואל וועט ער זײַן — אַרויסהעלפן וועט ער אַלע אידן, און מען וועט שוין מער פאַר פּרעהן קיין ציגל ניט מאַכן, די אינגעלאַך וועט מען שוין אין טײַך ניט וואַרפן..

איז זי געקומען און פאַר דער מאַמען איר חלום דערציילט. האָט זיך די מאַמע געפרייט: אפשר איז דאָס אַן אמת, אפשר וועט זי טאַקע אַזאַ אינגעלע האָבן... אָבער מען וועט אים אין טײַך אַרײַנוואַרפן. —

האָט די מאַמע יוכבד אַ געקושט איר טאָכטער מרים, אַ בעשטיקט זיך, געוואָרגן זיך מיט טרערן

און מרימס חלום איז שפּעטער מקוים געוואָרן: די מאַמע האָט אַן אינגעלע געבוירן

און ווי ער איז נאָר געבוירן געוואָרן, איז אין שטוב אַזוי פול געוואָרן מיט ליכטיקער שײַן, ווי הונדערט ליכט וואָלטן ברענען. פון זײַנע אייגעלאַך האָט געלויכטן, ווי פון די שטערנד-לאַך אין הימל. דער טאַטע עמרם האָט דער טאָכטערל מרים איבערן קעפּעלע געגלעט און געזאָגט:

— אַן אמתער חלום האָט זיך איר געחלומט... אַ ליכטיקער מלאך איז בײַ אונז געבוירן געוואָרן.

נאָר מען האָט געמוזט אים שטאַרק אויסהיטן, אויסבאַהאַלטן. די ליכטיקייט פון אים וואָלטן די מצרימער דערזען, מען וואָלט אים געפונען און געוויס אין טײַך געוואָרפן.

דריי חדשים האָט אים די מאַמע אויסבאַהאַלטן. קיינער־קיינער האָט וועגן איר זונעלע ניט געוואוסט. עס האָט זיך די מאַמע אַזוי געשראָקן, מורא געהאַט.

מער אים אויסבאַהאַלטן האָט זי שוין ניט געקענט. מען האָט שוין הויך זיין קולכעלע געהערט. אַלע רגע קען מען זיך פון אים דערוויסן און ס'וועט שוין זיין פאַרפאַלן.

האָט די מאַמע מיט אירע אייגענע הענט אַ קעסטעלע פון האָלץ געמאַכט. די שפּעלטעלאַך און שפּאַרונעס מיט קלעפּיקע סמאָלע אויסגעשמירט, כדי עס זאָל קיין וואַסער ניט דורכרינען, אינעווייניק ווייך אויסגעבעט און איר אינגעלע אַריינגעלייגט, פון אויבן מיט ברעטעלאַך צוגעקלאַפּט אונטער אַ לעכעלע געלאָזן, כדי זיין פּנימל זאָל אַרויסשטעקן.

די מאַמע מיט מרימן האָבן דאָס קעסטעלע צום טייך געטראָגן — אויפן וואַסער זי צו לאָזן. זאָל עס שווימען, אפשר וועט דאָס צו אַ גוטן ברעג און גוטע מענטשן דערשווימען...

עס האָט געוויינט די מאַמע און געוויינט האָט מרימל.

— וואָס האָט זיך דיר, מרימל, געחלומט, אַז ער וועט די אידן העלפן און אויסלייזן — האָט די מאַמע גערעדט — אַז איך אַליין מוז אים גאָר אויפן וואַסער לאָזן... וואו איז דיין נביאות סאַכטער מיינע? ...

— מיין ברודערל, מיין ליבטיקער מלאכל... — האָט מרים געוויינט.

און ער, דער ליכטיקער, שטראַליקער אינגעלע, האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס מיט אים איז און וואָס מען טוט מיט אים. ער איז אין קעסטעלע געלעגן, געקוקט מיט זיינע גרויסע אויגן אויף דער מאמען, געהאלטן א פינגערל אין מויל און געשמייכלט.

דאָס קעסטעלע האָט מען אויפן טייך געלאָזן. די שטילע וועלכעלאך האָבן עס אונטערגעכאפט און אוועקגעטראָגן. די מאמע האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון ברעג, צום קעסטעלע געקוקט און געשעפטשעט אין דער שטיל:

— טראָגט וועלכעלאך, מיין אינגעלע... טראָגט מיין זונעלע...

און מרימל האָט מיט די ליפּן געפּליסטערט:

— טראָג טייכעלע, מיין ברודערל... טראָג אים... טראָג...

אויפן וואסער איז דאָס קעסטעלע געווען. דער אינגעלע האָט זיך אַרומגעקוקט: אויבן איז בלוי דער הימל, אונטן — וואסער, און א ווינטעלע א שטילער בלאָזט, און די מאמע איז ניטאָ, און קיינער איז ניטאָ, און דאָס קעסטעלע שווימט און שווימט.

און גראד דאמאָלסט איז דעם מלך פּרעהס טאָכטער גע- גאנגען מיט אירע חברטעס זיך באָדן אין טייך. האָבן זיי דער- זען דאָס קעסטעלע, וואָס איז אין טייך געשוואומען, האָבן זיי עס צו זיך גענומען און דעם אינגעלע ארויסגענומען. איז דער ליכטיקער אינגעלע זייער געפעלן געוואָרן דעם מלכס טאָכטער.

און וויל ביים טייך איז די מאמע געשטאנען און וויל

ביי קיין אנדערער האָט ער ניט געוואָלט נעמען צו זויגן, האָט דעם מלכּס טאָכטער איר פּאר אן אם צום קינד גענומען און אים צו זיך אין פּאלאץ אוועקגעטראָגן: קיינער האָט עס גארניט געוואוסט, אז די אם איז גאָר דעם אינגעלעס מאמע.

און א נאָמען האָט מען אים געגעבן משה.

---

# ב.

אין דער אינגעלע משה געוואקסן ביים מלך אין פּאלאץ. זיין מאמע האָט אים אויף איר שויס געהאלטן, און ער האָט ניט געוואוסט, אז דאָס איז זיין מאמע. זי האָט מורא געהאט אויסצוזאָגן, וואָרים אז מען וועט זיך דערוויסן, אז ער איז איר אינגעלע, וועט מען דאָך אים אין טייך אריינוואַרפן

שיין און שלאנק איז דער שיינינקער אינגעלע געוואקסן. אפילו דער מלך האָט אים ליב געהאט.

איינמאָל ווען דער קליינער משהלע האָט זיך מיט דעם מלך געשפּילט, האָט ער אראָפּגענומען דעם מלכס קרוין פון מלכס קאָפּ און זיך אויפן קאָפּ ארויפגעזעצט—איז ער אן אמתער פּרינץ געווען.

— ער וועט ווערן א מלך זיין... אז ער וועט אויסוואקסן, וועט ער דייז קרוין צונעמען און א קייסער אין מצרים ווערן...

— האָבן דעם מלכס פּריינט צום מלך געזאָגט — מען דאַרף אים גלייכער הרגענען, אין טייך אַריינוואַרפן...

נאָר געהרגעט האָט מען אים ניט און אין טייך ניט אַריינגעוואָרפן. ער איז אין פּאַלאַץ פאַרבליבן.

איז דער אינגעלע משה גרעסער געוואָרן און מער קיין אם האָט ער שוין ניט געדאַרפט, האָט פּרעהס טאָכטער געהייסן משהס מאמע פון פּאַלאַץ אַוועקגיין — דער אינגעלע וועט זיך שוין האָדעווען אָן איר. זי איז דאָך נאָר זיין אם געווען...

משהלע איז נאָך דאַמאָלסט געשלאָפן אין זיין בעטעלע בשעת זיין מאמע האָט איר פּעקעלע אויפגעבונדן, כדי פון פּאַלאַץ אַוועקצוגיין. זי האָט זיך איבער אים איבערגעבויגן און אַזוי געוויינט. וואָלט זי אים אפשר אויסגעזאָגט, ווער ער איז, וואָלט זי אים אויפגעוועקט און מיטגענומען? — ניין, דאָס טאָר זי ניט: מען וועט דאָך אים אין וואַסער וואַרפן. זאָל ער זיין אין פּאַלאַץ, זאָל ער ליבערשט איצט פון זיין מאַמען ניט וויסן, זאָל ער גלייכער — פון זיין טאַטן איצט ניט וויסן, זאָל ער פון זיין שוועסטער ניט וויסן — זאָל ער בעסער לעבן בלייבן... שפּעטער, אַז ער וועט שוין אַ גרויסער ווערן, וועט ער אַלץ זיך דערוויסן

עס איז געשלאָפן דער קליינער משהלע און זיין מאמע האָט זיך איבער זיין קעפּעלע איבערגעבויגן, אים אין די הענטלאַך געקושט, און דער שטיל זיך געזעגנט מיט אים:

— זיי געזונט, משהלע... וואָלסט זיך אַמאָל אָן דיין מאמע

דערמאָנען... אָן אַלע אידן דערמאָנען, וואָס זיי איז אזוי שלעכט, ואַלסטו קומען זייער צער צוזען... זיי געזונט, משהלע מיין זון...

און שוין. די מאמע איז אוועקגעגאנגען. משהלען האָט זיך עפּעס געחלומט א מאָדנער חלום. אים האָט זיך געחלומט, אז ער איז א אידישער אינגעלע, זיין מאמע באהאלט אים אין א פינ־סטערן קעמערל, עס קומט א מצרי מיט א זאַק, ווארפט אים אין זאַק אריין, נעמט אים אויפן פּלייצע און טראָגט אים צום טייך.

האָט ער זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף און ער האָט שוין אין צימער זיין ליבע אם ניט געזען. ער איז שוין געווען אליין.

און אויף מאָרגן, ריכטיק ... ...ס, ווי אים האָט זיך גע־חלומט, איז ער ארויסגעקומען אויפן הויף. האָט ער געהערט, ווי די מצרישע אינגלאך רופן אים איבער און רייצן זיך:

— אידעלע... אידעלע... קליינער אידעלע...!

די אינגלאך האָבן דאָס געהערט פון זייערע שוועסטערס, וואָס זיינען דאמאָלסט געגאנגען זיך באָדן מיט דעם מלכס טאָכ־טער, אז משהלע איז אפשר גאָר א אידעלע.

און ער האָט אליין ניט געוואוסט, צי איז דאָס אן אמת, צי א ליגן. האָט ער געפרעגט ביי דעם מלכס טאָכטער, האָט זי אים געענטפערט:

— איך ווייס דאָס ניט... איך האָב דיר ארויסגענומען פון א קעסטעלע, וואָס איז אויפן טייך געשוואומען. —

דאמאָלסט האָט ער געטראכט, אז אן אמתער חלום האָט זיך

אים געחלומט און געוויס-געוויס איז ער א אידישער אינגעלע, און וועגן אידישע אינגעלאך האָט ער אזוי פיל אומעטיקע געשיכטע-לאך אָנגעהערט.

און ווער איז זיין מאמע? וואו איז זי? און ווער איז זיין טאטע? וואו איז ער! — האָט דער קליינער משהלע געטראכט, און קיינער האָט אים ניט געזאָגט.

און שיין איז ער געווען, ווי א מלאכל, געלויכטן האָבן זיינע אויגעלאך, ווי שטערנדלאך, און קלוג איז ער געווען — קליגער פון אלע קינדער פון גאנץ מצרים.

און אז פרעהס חכמים און כשוף-מאכער זיינען געקומען אין פאלאץ צום מלך און זייער וואונדער געוויזן: שטעקנס אין דער לופטן געוואָרפן און פון זיי שלאנגען געמאכט, אויך שפיי-נער אלע חיות און פויגל געקריצט —

האָט דאָס משה גלייך געקענט, ווי זיי.

---

## ג.

איז משה געוואָקסן און עלטער געוואָרן; און גרעסער גע-וואָרן. די מצרימער האָבן אים שוין גערופן: דער פרינץ.

און אז ער איז גרעסער געוואָרן, האָט ער געהערט אין פאלאץ, ווי מען פארציילט אסך מעשיות וועגן די אידן, וואָס

זיינען אין מצרים, וואָס אַרבעטן אין וויסטן פעלד, וואָס מאַכן ציגל און בויען שטעט פאַר פּרעהן, וואָס זייער קרעכצן קומט אויך אין פּאַלאַץ אַריין און מען הערט דאָס די גאַנצע נעכט.

דאָס קרעכצן די אידן פון שווערן יאָך... האָט דער פּרינץ משה געטראַכט, אַז ס'האָט אים געצויגן פון פּאַלאַץ אַרויס, אַהינצו צו די מענטשן. נאָר קיין פּרינץ לאָזט מען קיינמאָל פון פּאַלאַץ ניט אַרויס, פלעגט זיך משה אָנטאָן אַנדערע בגדים און זיך אַרויסגנבענען פון פּאַלאַץ.

פלעגט ער זיי העלפן אַרבעטן. דעם אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע, יענעם געהאָלפן טראָגן די שווערע משא, קנעטן די ליים און מאַכן די ציגל.

האָט ער איינמאַל געזען, ווי אַ מצרי אַן אויפזעער שלאָגט מיט ריטער אַ אידן.

— מצרי, וואָס שלאָגסטו אים!...— האָט זיך משה צעשריען, און פון כעס האָט ער דעם מצרי געהרגעט.

און אין אַ צווייטן טאָג האָט ער געזען, ווי איין איד שלאָגט דעם צווייטן, האָט זיך משה ווידער איינגעשטעלט:

— איד, וואָס שלאָגסטו דיין ברודער!...

און אַז מען האָט זיך דערוואוסט, אַז משה האָט אַ מצרי געהרגעט, האָט שוין משה ניט געקענט פאַרבלייבן ביים מלך אין פּאַלאַץ: מען וועט אים דערפאַר טויטן.

וואָס האָט ער געטאָן?— איז ער אין מדבר אַוועק, אין

וויסטן מדבר, דאָרט זיך צו באַהאַלטן פון כעס פון די מצרימער.

איז ער אין לאַנד כוש געקומען, און צום מלך האָט מען אים געבראַכט. איז ער מיט זיין חכמה אַזוי דעם מלך געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אים געמאַכט העכער פון אַלע זיינע הארן.

און נאָכן טויט פון מלך פון כוש איז דאָרט משה דער מלך געוואָרן.

זיינען אָבער די פירשטן און הארן פון כוש אין כעס געווען, וואָס א פרעמדער און געקומענער איז דער מלך געוואָרן, האָבן זיי זיך שטילערהייט געעצהט אים צו הרגנען

איז משה פון לאַנד כוש געלאָפן, אין מדבר געבלאָנדזשעט, ביז ער איז צו א ברונים אין מדין געקומען.

ביים ברונים זיינען געשטאַנען פאַסטוכער און פאַסטוכקעס אָנצוטרינקען זייערע שאָף און רינדער. די פאַסטוכער האָבן זיך אַרום ברונים אַרומגעשטעלט און ניט געלאָזן די פאַסטוכקעס נעמען: זאָלן זיי וואַרטן... האָט דאָס משהן פאַרדראָסן, און ער האָט רחמנות געהאַט אויף די פאַסטוכקעס. איז ער צוגעגאַנגען און זיי געהאָלפן: פאַר זיי וואַסער אָנגעשעפט. זיי האָבן געגעבן זייער שאָף צו טרינקען און, גיכער ווי אַלעמאָל, געקערט זיך אַהיים.

זיינען געקומען די פאַסטוכקעס אַהיים צו זייער טאַטן יתרו און אים דערציילט, פאַר וואָס זיי זיינען געקומען דעם טאָג פריער, ווי אַלע טאָג. האָט ער זיי געהייסן, זיי זאָלן

אריינרופן משהן, וואָס האָט זיי ביים ברונים געהאָלפן—זאָל ער עפּעס עסן און זיך אָפּרוען.

און ווייל משה האָט ניט געהאַט, וואוהין ווייטער צו גיין, איז ער דאָרט פאַרבליבן צו זיין א פאסטוך ביי יתרוס שאָף

א גוטער, טרייער פאסטוך איז משה צו די שאָף געווען. ווי מען האָט ליב קליינע קינדערלאך, אזוי האָט ער ליב געהאט די קליינע שעפעלאך. ער פלעגט זיי אויף די הענט טראָגן, זיי זאָלן זיך ניט איינמאטערן, צום טייכעלע טרינקען פירן, מיט זיי א גאנצן טאָג אין פעלד געווען און זיי געהיט.

אסך עלטער איז שוין משה געוואָרן. זיין וואוקס—ווי א שלאנקער טענענבוים, זיינע אויגן— ווי ליכטיקע שטערן, זיין לאנגע, געקארבטע באָרד— ווי הענגלאך פון טייטל-בוימער, און שטראלן האָבן געגלאנצט אויף דער קלאָרער הויט, פון זיין שטערן...

איז ער איינמאָל געלעגן אין מדבר, די שאָף געהיט און רחמנות געהאט אויף א קליין שעפעלע, וואָס האָט זיך איינגעמאַטערט, ווייל זי איז צום טייכעלע גיך געלאָפן. האָט ער זיך דאַמאָלסט דערמאָנט אָן די קליינע קינדערלאך פון מצרים, אָן די אידישע קינדערלאך, וואָס זיינען געגליכן צו די שעפעלאן, וואָס מען װאַרפט זיי אין טייך אריין. האָט ער אין ווייטן מדבר דערהערט דאָס קרעכצן פון די אידן...

האָט אָנגענומען משהן אזא צער. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן מער צו לויכטן, זיין פּנים האָט אָנגעהויבן מער צו גליען און

שטראלן האָבן ארויס געזעצט פון די קנייטשן פון זיין שטערן...

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן ברייטן, זאמדיקן פעלד, וואו ער האָט געזען די אידן זיך מאטערן און די מצרימשע עלטסטע סווישטשען מיט זייערע ריטער איבער די לייבער פון די אידן.

— קליינער אידעלע... קליינער אידעלע...— האָבן די איינג־לאך מיך גערופן — האָט משה דאמאָלסט געטראכט—איך בין דאָך אויך א איד, און דאָרט איז מיין מאמע אויך דאָ און מיין טאטע אויך דאָ...

עס איז געווען א הייסער טאָג אין מדבר. די זון האָט געגליט און געברענט. א גרויסער דאָרן־בוים איז אין מדבר גע־שטאנען. האָט משה אויפן דאָרן געקוקט און געזען, ווי דער דאָרן האָט זיך אליין אָנגעצונדן און צעפלאקערט זיך אין א פלאַם.

ברענט און פלאמט דער דאָרן, ברענט און פלאמט און ווערט ניט פארפלאמט.—

— משה!... משה!... האָט ער פלוצלונג א קול דערהערט

— וויל משה זען, ווער עס רופט אים, נאָר ער זעט קיינעם ניט. עס איז געווען ריכטיק, ווי דער קול וואָלט פון פייער זיך רייסן.

— משה!... משה!... האָט ער ווידער געהערט—דיינע ברי־דער שרייען פון דעם שווערן פיין און דו ליגסט זיך אין מדבר און ביסט זיך א פאסטוכל!..

וואָס זאָל איך טאָן?— האָט משה געשריען אין מדבר אריין.

— גיי העלפן דיינע ברידער!... קום!... נעם דעם שטעקן אין האנט!... פארלאָז, משה, דעם מדבר!.. משה, קום!...

עס האָט זיך ווייט און הויך איבערן מדבר דער געשריי געטראָגן, אָפגעשלאָגן זיך אין די הייסע זאמדן און הויכע הימלען, ארייגעריסן זיך ביי משהן אין הארצן און גערופן:

— משה, משה, עס רופן דיך די ברידער פון מצרים

און מער האָט שוין משה ניט געקענט דאָרט פארבלייבן. ער האָט די טשערעדע צו יתרון אין שטאל אָפגעפירט, געקושט יעדעס שעפעלע און געזעגנט זיך.

— זייט געזונט, מיינע שעפעלאך, איך גיי איצט ווערן א גייער פאסטוך, א פאסטוך פאר מיינע ברידער, די אידן...

און ווען משה איז שוין ווייט אין מדבר געווען, האט ער נאך געהערט דאס אומעטיק מעקן פון די שעפעלאך, וואס האבן אים גערופן און געזעגנט זיך מיט זייער ליבינקן, טרייאינקן פאסטוך:

— גיי געזונט, גיי...

---

## ד.

צווישן די בערג אין מדבר, מיטן שטעקן אין האנט, האָט משה געשפרייזט איפן וועג צו זיינע ברידער אין מצרים.

עס זיינען געווען אויסגעשפרייט די הימלען איבערן ליידיקן מדבר, פלאם־פייער האט פון דער הייסער זון געגאסן, שוין גאענס איז געלעגן דאס לאנד.

— איך וועל קומען צו די אידן, און זיי זאָגן—האָט משה געטראכט—דער פיין פון אייך האָט מיך גערופן, אייער געשריי האָט די הימלען געשפּאָלטן...

און צו פרעהן וועט ער אזוי זאָגן:

— לאָז גיין די אידן פון דיין לאנד ארויס!...

און זיי וועלן פון לאנד מצרים אוועק. איבערן ירדן וועלן זיי גיין צום נייעם לאנד אריין. א הויכע, קלינגענדיקע שירה פון ששים רבוא אידן, פון אלט און יונג, גרויס און קליין וועט זיך טראָגן. עס וועלן זינגען אפילו קינדער, איינגעשלאָפענע אין דער מאמעס שויס...

און שפעטער איז טאקע אזוי געווען. משה מיט די אידן זיינען פון מצרים ארויס. פאָרויס איז משהס שוועסטער, מרים, מיט אסך פרויען געגאנגען, געטאנצט, געזונגען און געפייקלט אויף פייקלאך.

— דיין חלום איז געווען א ריכטיקער... — האָט מען צו מרימן געזאָגט און איר פון שמחה געקושט.

II.

# יריחו.

## א.

אויפן הויכן בארג איז משה געשטאנען, אויפן בארג, וואָס איז איין עק פון לאנגן מדבר געווען, און פון דערווייטנס געזען דאָס לאנד, וואו דאָס פאָלק וועט אריינקומען, נאָר ער וועט שוין ז׳אמאָלסט ניט זיין. ער איז שוין הונדערט מיט צוואנציק יאָר אלט, ער וועט שוין דעם ירדן ניט אריבערגיין, אויף דער זייט מדבר וועט ער פארבלייבן.

אויסגעצויגן אין דערווייטנס איז געלעגן דאָס לאנד, וואָס וועט צו די אידן געהערן. סעדער און גערטנער און וויינגערטנער און טייטלבוימער האָבן זיך געפלאָכטן. ברכה און פרוכטבארקייט איז געווען אין שויס פון די פעלדער. ריינע, בלויע הימלען האָבן זיך איבער יענעם לאנד געוויקלט און געוועלבט. אהינצו וועט דאָס פאָלק קומען, אהינצו נאָך דעם פערציק-יאָריקן מדבר.

צופוסנס דעם בארג איז די מחנה ישראל געלעגן. פון פארשיידענע זייטן האָבן די פאָנען פון די שבטים אין דער לופטן איבערן מדבר געוויים. איבער ראובנס מחנה — די פאָן

מיטן רובין־שטיין, פון רויטן קאָליר און א סימן — פיילכנדלאַך. שמעונס פאָן — דער שטיין טאָפּאַז, דער קאָליר — גרין, דער סימן — די שטאָט שכם. לוי — דער שטיין היאצינט, קאָליר — גרויליאָך־רויט, און — אורים ותומים. יהודה — דער שטיין — סמאראגד, דער קאָליר — הימל־בלוי, דער סימן — א לייב. ישׂשכר — דער שטיין — סאפיר, קאָליר — טונקל־בלוי, דער סימן — זון און לבנה. זבולון — דער שטיין — דימענט, קאָליר — ווייס, דער סימן — א שיף. דן — דער שטיין — אָפּאַל, קאָליר — טונקל־בלוי, דער סימן — א שלאנג. גד — דער שטיין — קארדיערים, קאָליר — גרוי, דער סימן — א מחנה. נפתלי — דער שטיין אמעטיסט, קאָליר — העל־ווייןפּיאָלעט, דער סימן — אן אינד. אשר — דער שטיין אגאהאט, קאָליר — שווארץ, דער סימן — אן איילבערט. יוסף — דער שטיין — אניקס, קאָליר — טונקל־ברוין, באמאלט מיט צוויי פעלדער פאר ביידע שבטים. אפרימס סימן — אן אָקס, מנשהס — א בופעל. בנימינס שטיין — יאספיס, קאָליר — רעגן־בויגן, זיין סימן — א וואָלף.

צופוסנס דעם בארג איז די גאנצע מחנה ישׂראל געשטאנען און געזונגען די געזאנגען:

— רו, גאָט, מיט די טויזנטער אידן...

און משה האָט געוואוסט, אז מיט דער מחנה וועט ער שוין ניט זיין, אהינצו אין לאנד וועט ער שוין ניט קומען. און משה האָט זיך געזעגנט מיט די פויגעלאך, וואָס פליען אין אלע פיר עקן וועלט, מיט דעם הויכן בלויען הימל, און מיט דער ערד,

מיט די שטערן און שטערנדלאַך אין הימל, מיט די הויכע בערג און מיט דעם ים — מיט דעם זעלבן ים, צו וועלכן ער איז אמאָל מיט זיין שטעקן געקומען.

און משה האָט דאָס פאָלק צונויפגעקליבן און האָט פאַר איס דערציילט, אז ער וועט אין לאַנד ניט קומען, זיין תלמיד יהושוע וועט פאָרויס דעם פאָלק גיין און איס דעם וועג ווייזן, און נאָך האָט ער זיי געזאָגט:

— עדות זאָלן זיין הימל און ערד, אז אויב איר וועט נאָך פרעמדע געטער גיין, וועט איר אָפגעמעקט ווערן פון דער ערד.

און יענע נאכט האָט זיך משהן א חלום געחלומט: עס איז צו אים אין חלום א מלאך געקומען און אזוי געזאָגט:

— קלייב זיך אוים משה, — אָדער דו זאָלסט בלייבן לעבן און דאָס פאָלק ישראל זאָל דורך שונאים אומקומען, אָדער דו זאָלסט שטארבן און דאָס פאָלק ישראל זאָל בלייבן לעבן...

האָט משה אזוי אין חלום געענטפערט:

— זאָלן בעסער פארלאָרן גיין טויזנט משהס און קיין נאָגל פון איינעם פון פאָלק ישראל זאָל ניט געקרימט ווערן...

און גאנץ פרי איז משה אויפגעשטאנען און איז צום געצעלט פון זיין תלמיד יהושוע געקומען. האָט ער געזען, ווי דאָס גאנצע פאָלק קלייבט זיך ארום יהושועס געצעלט. האָט זיך משהן אזוי שטארק געגלוסט נאָך לעבן בלייבן און נאָך מיטן פאָלק ישראל

זיין און איבערן ירדן גיין, און ער האָט אָנגעהויבן מקנא צו זיין דעם תלמיד זיינעם, יהושוען.

— הונדערט מאָל שטאַרבן און ניט איין מאָל מקנא זיין... — האָט אָבער משה געזאָגט, און ער האָט אָנגעהויבן אַלעמען בענטשן פאַר זיין טויט.

— שטאַרק זיך און קרעפטיק זיך, יהושוע, דער זון פון נון, דו וועסט איינבריינגען דעם פאָלק אין לאַנד אַריין, זאָלסט ניט מורא האָבן, זאָלסט זיך ניט שרעקן! — האָט ער צו אים געזאָגט.

און צום פאָלק האָט ער גערעדט אַזוי.

— איך בעט אייך, אַז, ווען איר וועט אין לאַנד קומען, זאָלט איר מיך און די ביינער מיינע געדענקען און זאָגן:

— ווי צו עמעס זון, וואָס איז ווי א פעדר פאַר אונז געלאָפן, און זיינע ביינער זיינען אין מדבר געפאַלן.

דערנאָך האָט משה א קול געהערט, וואָס האָט געזאָגט צו אים:

— גיי, משה, לייג זיך מיט דיינע עלטערן...

האָט זיך משה אין דער אויסגעבעטער בעט געלייגט. א ליינען-קלייד איז אים געווען אויסגעשפּרייט צוקאָפּנס און צופוסנס, ער האָט די אויגן פאַרמאַכט, די הענט צונויפגעלייגט, די פיס צונויפגענומען, און — שוין, דאַמאָלסט איז משה געשטאָרבן.

און שפּעטער האָבן די אידן דערציילט, אַז זיי האָבן געזען, ווי די מלאכים האָבן משהס נשמה געטראָגן אַרויפֿצו אין דערהויך, צו די הויכע הימלען..

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו ס'איז משהס קבר. ער איז פון די בערג צוריק ניט געקומען.

און אַז יהושע האָט געזען, אַז משה איז שוין ניטאָ, האָט ער געשיקט זאָגן אין פאָלק אַריין:

— גרייט אייך, גרייט אייך!... אין דריי טעג אַרום גייען מיר דעם ירדן אַריבער, דעם מדבר לאָזן מיר הינטער זיך, און פאַר אונז ליגט דאָס לאַנד פון מילך און האָניק... גרייט אייך!... גרייט אייך!...

און דאָס פאָלק האָט צוריק געענטפערט יהושען:

— דו הייסט באַפעלן און מיר וועלן טאָן. דו וועסט אונז שיקן און מיר וועלן גיין!...

און ווידער האָט יהושע געזאָגט אין פאָלק אַריין:

— פון קנעכטשאַפט. פון מצרים, זיינען מיר אַרויס, פערציק יאָר אין מדבר געווען, כדי אין פרייען לאַנד צו קומען, און שוין ליגט דאָס לאַנד פאַר אונז!..

און דאָס פאָלק האָט מיט פרייד־געשרייען געענטפערט:

— שטאַרק זיך און קרעפטיק זיך.

## ב.

אין שיטים איז דאָס פאָלק געווען. האָט יהושע צוויי אידן צו זיך גערופן און ער האָט זיי אזוי געזאָגט:

— גייט אין לאַנד אריין, אין דער שטאָט יריחו אריין, און ברענגט אונז דעם גרוס פון דאָרטן: ווער זיינען די מענטשן פון דאָרטן און ווי איז דאָס לאַנד פון דאָרטן...

און מיר וועלן דאָ אויף אייך ווארטן...

זיינען די צוויי אידן אין וועג א וועק און קיין יריחו געקומען. ארום דער שטאָט יריחו איז ארום-און-ארום א דיקע מויער-וואַנט געשטאַנען, און אין מויער האָט איינע, רחב, גע-וואוינט; זיינען די צוויי געשיקטע צו דער רחב אין שטוב אריינגעקומען. זיי זיינען דאָך מיד פון וועג געווען און אויך האָבן די ניט געוואָלט, אז מען זאָל זיי אין דער שטאָט דערזען, זיינען זיי אריין צו רחבן, וואָס איר שטוב איז געווען אין וואַנט פון שטאָט-מויער

אָבער מען איז צום מלך פון יריחו געקומען און אים דערציילט:

— פון די בני ישראל זיינען אהערצו אין דער נאַכט מענטשן געקומען דאָס לאַנד אויסצוזען.

האָט דער מלך געשיקט צו רחבן:

— רחב, צו דיר זיינען מענטשן אין דער נאכט געקומען, גיב זיי ארויס, ווייל אויסקוקן דאָס לאַנד זיינען זיי געקומען.

האָט רחב געוואָלט די מענטשן ראַטעווען פון דעם מלכס משפט, האָט זי אַזוי געענטפערט:

— יאָ, געקומען זיינען אַהערצו מענטשן פון אַ לאַנד, וואָס איך ווייס ניט, און אין אָוונט, ווען מען שליסט דעם טויער פון שטאָט, אין פינסטערניש, זיינען זיי אַרויס, און איך ווייס ניט וואו זיי זיינען... יאָגט זיי גיך נאָך, און איר וועט זיי דערייכן. —

און די צוויי יהושועס שלוחים האָט זי ביי זיך אין דאַך באַהאַלטן.

און דעם מלכס דינער האָבן דעם טויער פון שטאָט פאַרשלאָסן, כדי קיינער זאָל ניט אַרויסגיין, און אַליין האָבן זיי זיך איבער די בריקן *אוועקגעלאָזן נאָכצויאָגן און כאַפּן די צוויי געשיקטע.

איבער די וועגן יאָגן זיך די נאָכיאָגער, נישטערן און זוכן איבער די בריקן: וואו זיינען די מענטשן פון ישראל? — מען דאַרף זיי צום מלך פון יריחו ברענגען און דער לוין וועט זיין אַ גרויסער.

און די צוויי שלוחים קלייבן זיך גאָר איינשלאָפן ביי

רחבן אויפן דאך. איז רחב צו זיי ארויפגעקומען און אין דער שטיל געטרייסט:

— איך ווייס, אז דאָס לאנד וועט געהערן צו אייך... אייער שרעק איז אויף אונז געפאלן און אונזער הארץ איז אינעווייניק פון אימה צעגאנגען... מיר האָבן פון אייער גאָט געהערט, װאָס ער איז אויפן הימל און אויף דער ערד, אויבן אין די וואָלקנס און אונטן אויף די פעלדער...

און זי בעט ביי זיי:

— ווען איר וועט אהער אין לאנד קומען, זאָלט איר לעבן לאָזן מיך, מיין טאטן און מיין מאמען, מיינע ברידער און מיינע שוועסטער...

און זי גיט נאָך צו:

— איך האָב מיט אייך חסד געטאָן, זאָלט איר מיט מיר חסד טאָן.

האָבן די צוויי שלוחים אין דער שטיל געענטפערט:

— אונזער נפש גיבן מיר פאר אייערן... חסד וועלן מיר מיט דיר און מיט דיין טאטנס הויז טאָן...

עס איז אין מיטן נאכט געווען. די שטאָט יריחו איז געשלאָפן. דאמאָלסט האָט רחב א שטריק אראָפגעלאָזן פון איר פענסטער אויף דער ערד אראָפ, און איר פענסטער איז דאָך אין מויער פון שטאָט געווען און צו די פעלדער ארויסגעקומען, צו

די בעלדער, וואָס אויף יענעם זייט שטאָט. אויפן שטריק האָבן זיך די צוויי שלוחים אראָפּגעלאָזן.

— זאָלסט אָן דיין פענסטער דעם רויטן שנירל אָנקניפּן — האָבן זיי צו רחבן געזאָגט — וועלן מיר שפּעטער דערקענען די שטוב, אין וועלכער דו זיצט.

עס איז דאמאָלסט נאכט געווען, און אין יריחו האָט דאָס קיינער ניט געזען און קיינער ניט געהערט.

---

## ג.

זיינען די שלוחים פון יריחו אוועק. געגאנגען זיינען זיי צו די בערג, כדי דאָרט זיך אויסצובאהאלטן פון די נאָכיאָגער. דריי טעג און דריי נעכט האָבן זיי זיך אין די בערג באהאלטן. די נאָכיאָגער האָבן זיי געזוכט און ניט געפונען און מיט ליידיקן געקערט זיך צום מלך.

און די צוויי שלוחים האָבן געאיילט, פון דעם בארג האָבן זיי גענידערט, צו יהושע געקומען, צו אים אין געצעלט אריין און פון אלץ אים פארציילט.

און אזוי האָבן זיי געזאָגט:

— אונזערס איז דאָס לאנד, פאר אונז איז די שטאָט...

און אין פרימאָרגן שטייט אויף יהושוע, ווען די זון איז נאָך איצט צו קיניגן אין די הימלען ארויס, און איז צוזאמען מיטן פאָלק צום ירדן געקומען.

און איבערן ירדן האָט זיך דאָס פאָלק געטראָגן, און יהושע האָט צום פאָלק גערעדט:

— זייט וויסן אז א לעבעדיקער גאָט איז צווישן אונז, זייט וויסן... זייט וויסן... שטארקט זיך און קרעפטיקט זיך!...

און גערופן האָט ער צוועלף מענטשן פון צוועלף שבטים, האָט זיי באפעלן, צוועלף שטיינער פון ירדן ארויסנעמען, אויף די אקסלען טראָגן און זיי צוזאמענלייגן אויף דעם אָרט, וואו זיי וועלן די נאכט נעכטיקן.

— זאָל עס פּאַר א צייכן זיין — האָט יהושע געזאָגט — מאָרגן וועלן די קינדער פרעגן: וואָס באטייטן די צוועלף שטיי־נער? — וועלן מיר ענטפערן: פון קנעכטן־הויז — פון מצרים ארויס איז דאָס פאָלק, און איבערן ירדן געגאנגען!...

און דאָס גאנצע פאָלק איז איבערן ירדן געגאנגען: די כהנים, די לוים, פרויען און קינדער, שעפסן און רינדער, און צווישן זיי — פערציק טויזנט באוואָפנטע זין פון ראובן, פון גד און פון האלבן מנשה.

געקומען זיינען זיי צו די טויערן פון יריחו

## ד.

ביים אריינגאנג פון זיין געצעלט איז יהושוע געזעסן און געקוקט אין דער ווייטעניש. דאָ נאָענט ליגט דאָס געבענטשטע לאנד. עס שטייט זיך די פעסטונג פון יריחו. אהינצו, אין יענעם לאנד, דארף ער מיטן פאָלק קומען. דאָרט איז א שונא דאָ, וואָס וועט זיך ווערן, א שונא, וואָס האָט רייטווענגער און בויגנס. וועט מען קענען אים בייקומען?...

ווייס יהושוע, אז משה האָט פון וואָלקן־זייל געהערט דעם קול, וואָס האָט צו אים גערעדט, דונערן און בליצן — ער האָט נור פאר זיך די פעלדער פון יריחו, די פעסט־געמויערטע יריחוס וואנט, און הינטער אים ליגט אונטערן הימל דאָס פאָלק צעלייגט.

ווי ער וואָלט וועלן האָבן עפּעס א צייכן, אז ער איז ניט אליין, אז הילף ליגט אין זיין וועג. —

— און וואָס וועט זיין אז דאָס פאָלק וועט זיך אומקערן מיטן רוקן צו די איינוואוינער פון יריחו?... — וועט דאָס דער־הערן דער פּנעני, וואָס זיצט אין לאנד, און וועט אונז ארומ־רינגלען און וועט אונזער נאָמען אָפּשניידן פון דער ערד?...

זיצט יהושוע און קוקט אין לאנד אריין, איבער וועלכן עס הענגען טיפע בלויע הימלען, קוקט ארויסצו צום ראנד, וואו עס קושן זיך הימל מיט ערד און ווערן איינס —

און יהושע האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און ער האָט דערזען, אז אימיצער שטייט לעם אים מיט א בלויזן שווערד אין האנט. אייגער אליין אין מיטן פעלד.

— ווער ביסטו דער מיטן שווערד? ביסטו א פריינט צי א פיינט? — האָט יהושע געשריגן צו אים.

נאָר עס האָט זיך יענעמס קול דערהערט צוריק צו יהושוען:

— דער שר צבא פון גאָט בין איך... איך בין דאָ איצט אין פעלד געקומען...

ווי יהושע האָט דאָס דערהערט, איז ער צו דער ערד געפאלן און געקניט און גערופן:

— וואָס ר'עדט מיין האר צו מיר?

און ווידער האָט יהושע דעם קול געהערט:

— צי אראָפּ דעם שוך פון דיין פוס!.. דער אָרט, וואו דו שטייסט, איז הייליק...

און יהושע האָט אזוי געטאָן — — — — — —

און לאנג האָט נאָך יהושע אין לאנד-ארייז געקוקט. לאנג איז ער נאָך געלעגן געבויגן צו דער ערד און געטראכט וועגן צייכן, וואָס האָט זיך צו אים באוויזן. דער שר צבא איז שוין לאנג פארשוואונדן געוואָרן פון הינטער יריחוס טויערן.

ו.

און די שטאָט יריחו איז פֿאַרשלאָסן און פֿאַרריגלט. קיי־נער גייט פֿון שטאָט ניט אַרויס און קיינער קומט אין שטאָט ניט אַריין. עס פֿלאַטערט נאָר אין די הערצער די אימה. די שומרים איבער יריחוס מויער זאָגן נאָר אָן פֿון שעה צו שעה דעם מלך פֿון יריחו, אַז ישׂראל לאַגערט הינטער די מויערן.

און יהושע האָט צום פֿאָלק אַזוי געזאָגט:

זיבן טעג וועלן מיר די שטאָט אַרומרינגלען. פֿאָרויס—די כהנים און נאָך זיי—דאָס פֿאָלק. יעדן טאָג וועט מען נאָר איינמאָל אַרומרינגלען און דעם זיבעטן טאָג וועט מען זיבן מאָל אַרומ־רינגלען. פֿאָרויס וועלן זיבן כהנים גיין מיט זיבן שופֿרות אין די הענט—וועלן זיי שאַלן אין די שופֿרות. דאָס פֿאָלק זאָל אין שופֿרות ניט שאַלן און קיין קול ניט לאָזן הערן. ביז עס וועט קומען דער טאָג, און איך וועל צום פֿאָלק זאָגן: „שאַלט!“ דאַ־מאָלסט וועלן אַלע אין די שופֿרות בלאָזן און שאַלן.

כ׳איז דער ערשטער טאָג געווען. אינדערפֿרי איז יהושע אויפֿגעשטאַנען און מען האָט די ווענט פֿון יריחו אַרומגערינגלט. זייַנען פֿאָרויס די כהנים געגאַנגען און אין די שופֿרות געשאַלט און נאָך זיי איז דאָס פֿאָלק געגאַנגען און געשוויגן. נאָך דעם האָבן זיך אַלע צוריק צו די געצעלטן געקערט.

אין יהושע אויף דעם צווייטן טאָג פרי אויפגעשטאנען, און ווידער זיינען פאָרויס די כהנים געגאנגען און אין די שופּ־רות געשאלט, און נאָך זיי איז דאָס פאָלק געגאנגען. האָט מען די שטאָט יריחו ארומגערינגלט און צוריק צו די געצעלטן גע־קערט.

האָט מען אזוי זעקס טעג געטאָן. איז געקומען דער זיבע־טער טאָג. דאָס גאנצע פאָלק ווייס, אז היינט איז דער טאָג— היינט איז דאָס זיבעטע מאָל.

גלייך מיטן מאָרגנשטערן איז דאָס פאָלק אויפגעשטאנען, רואיקע און שטילע אין פרימאָרגן־שיין זיינען די פעלדער פון יריחו געלעגן. שטום זיינען געשטאנען די פארריגלטע טויערן פון יריחו—ניט איין און ניט אויס. שרעק און אימה איז דאָרט אי־בערוויניק, איבער די ווענט, אומגעגאנגען, און פון דרויסן־זייט האָט דאָס פאָלק געוואַרט און געהאָפט.

האָט מען דעם זיבעטן טאָג זיבן מאָל די שטאָט ארומגע־רינגלט, און ווען מען איז דעם זיבעטן מאָל ארומגעגאנגען, האָט יהושע צום גאנצן פאָלק גערופן:

שאלט אלע אין די שופרות!... אונזערע איז די שטאָט!... שאלט אלע אין די שופרות!...

און מען האָט אָנגעהויבן צו שאלן. האָט מען אין אלע עקן פון פאָלק די שופר־קולות דערהערט, האָט דאָס גאנצע פאָלק זיך צעשאלט און צערוישט, די כהנים האָבן אין שופרות געבלאָזן

און נאָך זיי האָט דאָס פאָלק געטאָן, ביז די־ווענט פון שטאָט זייבען איינגעפאלן, און דאָס פאָלק איז אין שטאָט אריינגעקומען.

---

ו.

איז יהושוע מיטן פאָלק אין שטאָט יריחו אריין און אלץ אונטערן שווערד געוואָרפן: מענטשן, פי און אייזלען...

און געזאָגט האָט יהושוע, אז מען זאָל פון דאָס גוטס, מען זאָל פון גאָלד, און זילבער, און אייזן, און קופער ניט נעמען — הייליק איז דאָס, ניט צו רירן.

און צוויי שלוחים האָט ער געשיקט צו רהבן, כדי מקים צו זיין, וואָס מען האָט איר צוגעזאָגט:

— איר און איר פאָטערס הויז ניט צו פארטיליקן. לאָזן איר לעבן, איר טאטן און מאמען, אירע ברידער און שוועסטער.

און נאָך אין זעלבן טאָג איז צום הימל אויפגעגאנגען דער רויך און פייער פון דער שטאָט יריחו.

פון ארום האָבן דאָס די שטעט געזען און געוואוסט האָבן זיי: ישראל האָט די שטאָט יריחו פארנומען.

III.

# גרעון.

## א.

ביים ירדן איז משה געשטאָרבן און געלאָזן האָט ער זיין תלמיד יהושוע, ער זאָל דאָס פאָלק פירן אין לאנד אריין, וואָס איז געלעגן איבער יענעם זייט ירדן. מיט איין און דרייסיק מלכים האָט יהושוע מלחמות געהאט, און ביי די אידן זיינען געבליבן די לענדער פון יענעם זייט ירדן—פון דעם טאָל לבנון, ביז דעם בארג, וואָס גייט קיין שעיר, בערג און טאָלן אין מזרח, מערב און דרום.

און יהושוען איז הונדערט צען יאָר געוואָרן, איז ער אויסגעגאנגען און געשטאָרבן. זיין קבר האָט מען געגראָבן אין זיין נחלה אין תמנת-סרח, אויף דעם בארג אפרים.

זיינען נאָך יהושוען זקנים פארבליבן, וועלכע האָבן דאָס פאָלק געלערנט און געפירט. זיינען נאָך מלחמות געווען—מיט דעם כנעני, מיט דעם פרזי מיט דעם אמרי.

און ברייט און גרויס איז געוואָרן דאָס לאנד פון די אידן, וואו זיי האָבן זיך באזעצט, זייערע הייזער געבויט, זייערע שאָף געפיטערט און די פעלדער באארבעט.

נאָר עס זיינען אויך די זקנים געשטאָרבן, וואָס האָבן נאָך פון מצרים געוואוסט, וואָס האָבן פון מדבר געוואוסט, וואָס האָבן פון די מלחמות געוואוסט.

— א גאָט א לעבעדיקער איז צווישן אייך, א גאָט אויפן הימל און א גאָט אויף דער ערד—האט משה געלערנט, און יהושע האָט דאָס געוואוסט און די זקנים האָבן געדענקט.

נאָר שפעטער האָט דאָס פאָלק אָן דעם אינגאנצן פארגעסן און געבוקט זיך און געקניט צו די געטער פון די פעלקער די שכנים, צו א גאָט, וואָס מען האָט אים בעל גערופן, און צו א גאָט, וואָס זיין נאָמען איז געווען עשתרות.

און שוין ניט, ווי אמאָל, איז געווען גרויס דער כח פון די אידן. צעוואָרפן איבערן גאנצן לאנד זיינען די באזונדערע שבטים געווען, און עס זיינען אין אלע גרעניצן פיינט מיט מחנות געקומען שלעכטס צו טאָן.

איז געקומען דער מלך כושן, פון ארם-נהרים און אכט יאָר האָבן די אידן צו אים געדינט. איז געקומען עגלון, דער מלך מואב, און צו אים האָבן די אידן אכצן יאָר געדינט. איז שטארק געווען די האנט פון יבין, דער מלך פון כנען, און ער האָט די אידן געדריקט.

זיינען צחיי העלדן געווען: דבורה פון בארג אפרים און ברק, דער זון פון אבינעם. האָבן זיי גערופן די קינדער פון זבולון און נפתלי. זיינען צען טויזנט חילות געקומען. אויפן בארג

תבור איז די מלחמה פון דבורה און ברק מיט סיסראן, דעם פירשט פון מלך יבין פון כנען, געווען. געשלאָגן זיינען געוואָרן סיסראס רייטוועגענער און סיסראס מחנות. געוואַרט האָט סיס־ראס מאמע אויף איר זון, ער זאָל פון מלחמה קומען און פון אידישן לאנד רויב ברענגען. געקוקט האָט זי דורכן פענסטער ארויס און צו אירע קרובות גערעדט:

— וואָס זאמט זיך סיסרא צו קומען?... וואָס פארשפּעטיקן די טריט פון זיינע רייטוועגענער?

— מיטן רויב טיילן זיי זיך... דער גרעסטער חלק איז דאָך פאר סיסראן...—ענטפערט מען סיסראס מאמען.

נאָר סיסרא איז שוין פון מלחמה צוריק ניט געקומען. ער איז דאָרט א טויטער פארבליבן.

און פערציק יאָר נאָכדעם איז ווידער שטיל און רואיק אין לאנד ישראל געווען.

אָבער האָט זיך געשטארקט דאָס פאָלק מדין, און מדין האָט אין זיין האנט ישראל גענומען. צוליב מדין האָבן די אידן היילן געגראָבן זיך צו באהאלטן, פעסטונגען—זיך צו באשיצן.

פלעגן די אידן זייערע פעלדער פארזייען און די תבואה פלעגט ארויסוואקסן, פלעגן מדין און עמלק קומען און דאָס לאנד פארדארבן און ניט איבערלאָזן קיין שפּס, קיין אָקס, קיין אייזל.

מדין און עמלק פלעגן אָנקומען אזוי פיל, ווי אן היישע-ריק: גאָר קיין צאָל איז ניט געווען פאַר זיי א[illegible] פאַר זייער פּי[illegible]. אָרים איז געוואָרן ישראל און געדיפּצט אין אָרי[illegible]. דערמאָנט זיך אָן דעם, ווי זיי זיינען פון מצרים ארויס, ון קנעכטן-הויז, אין פרייען לאנד געגאנגען. ווי זיי האָבן אין מדבר געוואנדערט מיט פעלקער מלחמות געהאט, שונאים באזיגט. אין טאָלן און אויף בערג, ביי טייכן און ביי סעדער, און ביי וויינגערטנער זיך באזעצט.

און איצט האָבן זיך זיפצן געטראָגן פון אונטער דעם שונאס יאָך. שווער איז געווען דעם שונאס האנט. ניט גוט איז געווען אים צו דינען.

---

# ב.

און אין מנשה איז געווען איינער מיטן נאָמען יואש. האָט יואש א יונגן זון געהאט, וואָס זיין נאָמען איז גדעון געווען. גדעון, דער איינגסטער זון פון יואש, פון שבט מנשה.

— עס איז געווען נאָך שנים אין פעלד. דער יונגער גדעון האָט מורא געהאט, אז מדין וועט קומען און וועט דעם גאנצן ווייץ צונעמען, האָט ער זיך געאיילט דעם ווייץ גיך אויסצודרעשן.

און אין די פעלדער פון גדעונס פאָטער איז א מלאך

אראָפּגעקומען. אונטערן בוים האט זיך דער מלאך געזעצט און געזען דעם יונגן גדעון, ווי ער דרעשט די ווייץ-זאנגען. און גדעון איז א גבור-חיל געווען; ווי די צעדער-ביימער פון זיין טאטן איז ער פעסט און שלאנק געווען. נאָר-געווען איז ער פאר-צאָרנט, פארוואָס ער דארף פאר מדין מורא האָבן און קוקן, ווי זיי קומען זיי ניט אָן פון די עקן פעלדער.

— זיינען אונזערע ייִדעס פון מצרים ארויס, כדי צו זיין אין די הענט פון מדין?—האָט ער געטראכט—צוליב דעם זיינען זיי אין מדבר געווען און די מלחמות מיט דעם כנעני געמאכט?...

ער האָט זיין ווייץ געדראָשן און פלוצלונג לעם זיך א פרעמדן דערזען.

— גאָט העלף דיר, יונגער העלד פון מנשה!—האָט דער פרעמדער זיך צו אים געווענדעט.

האָט גדעון א קוק געטאָן צו דעם, וואָס האָט צו אים גערעדט, און זיך אָפּגערופן:

— וועמען מיר העלפן?— קיינער וועט מיר ניט העלפן... מיר אלע זיינען פארלאָזן... אין די הענט פון מדין זיינען מיר!

גדעון האָט ווייטער די ווייץ געדראָשן און געזאָגט:

— וואו זיינען די וואונדער, וואס די ייִדעס האָבן דער-ציילט!—די וואונדער פון מצרים, די וואונדער פון מדבר!..

און א צאָרן האָט אין יונגן גדעון געברענט און ער האָט צום פרעמדן גערעדט:

— זיינען מיר פון מצרים ארויס, כדי קנעכט צו ווערן ביי מדין?!...

האָט זיך דער פרעמדער צו אים געווענדעט:

— א העלד, א גבור ביסטו גדעון, און א פלאַם ברענט אין דיר, א כוח איז דאָ אין דיר, גיי דו מיט דעם כוח און די וועסט ישראל העלפן!... איך שיק דיך!

— דו לאַכסט פון מיר, מיין האר—האָט גדעון געזאָגט — מיט וואָס קען איך דאָס פאָלק ישראל העלפן?—מיין משפחה איז די אָרימסטע אין מנשה, און איך בין דער איינגסטער אין מיין טאטנס הויז...

האָט אים דעם פרעמדנס קול געענטפערט:

— דו וועסט גיין און וועסט מדינען שלאָגן.

האָט גדעון אויפגעהערט זיין הייך צו דרעשן און צום פרעמדן זיך געקערט:

— גיי ניט פון דאנען, ביז איך וועל דיר ניט צום עסן א מאכל ארויס־טראָגן.

האָט גדעון צורעכט געמאכט א ציגן־באָק און האָט צום אונטערן בוים ארויסגעטראָגן מיט קוכנס דערצו.

— די פלייש און קוכנס לייג אויפן פעלז און דעם זופ גיס אויס!...—האָט צו אים דער פרעמדער געזאָגט.

האָט גדעון אזוי געטאן. און דער פרעמדער האָט זיך

לאנגן שטעקן אויסגעצויגן און אָנגערירט אָן די פלייש און קוכנס, האָט זיך פון פעלז א פלאַם־פייער אַרויסגעכאַפּט, און דער פּרעמ־דער איז מיטן פלאַם געלם געוואָרן.

איז גדעון פון שרעק געפאלן מיטן פּנים צו דער ערד און ער האָט אין אימה געשריען:

— איך בין פאַרפאַלן... א מלאך האָב איך אין פּנים געזען...

אָבער איבער אים האָט זיך א קול געטראָגן:

— שרעק זיך ניט, גדעון, האָב ניט מורא...

און מער האָט שוין גדעון ניט געקענט שטיין ביי זיין טאַטן אין שייער און דרעשן די ווייץ.

— דו וועסט דעם פאָלק ישראל העלפן. ביסט א העלד, א גבור!... האָט ער געהערט דעם קול פון מלאך, וואָס האָט אים גערופן.

ג.

און אין דער נאַכט פון יענעם טאָג האָט שוין גדעון ניט געקענט שלאָפן.

אין עפרה, וואָס האָט צו יואשן געהערט, איז דער מזבח פאַרן גאָט בעל געשטאַנען, צו וועמען די אידן האָבן געדינט און

געבוקט זיך. איבער דעם מזבח איז א גרויסער דעמב געשטאנען... אונטער אים פלעגן מענטשן זיך צונויפקומען, וייערע קרבנות צו אָפּריכטן.

און דער יונגער גדעון האָט אין דער נאכט געהערט דעם קול, וואָס האָט גערעדט צו אים:

— דעם פאלשן מזבח צעשטער!... דעם דעמב וואָס איבער אים, שנייד אָפּ!..

צען יונגען האָט גדעון אין דער נאכט גענומען, בשעת אלע זיינען געשלאָפן, און ער האָט דעם מזבח צעריסן און דעם בוים אָפּגעשניטן.

און ער האָט א נייעם מזבח אויפגעבויט. א מזבח פארן גאָט פון אברהם, משה און יהושע.

זיינען אויף מאָרגן אויפגעשטאנען די מענטשן פון שטאָט און געזען, אז זייער מזבח איז צעבראָכן, דער דעמב אָפּגעשניטן און א נייער מזבח איז אויפגעבויט.

— ווער האָט דאָס געטאָן אין דער נאכט?—האָבן די מענטשן געפרעגט. געפאָרשט און געפרעגט. און דערציילט האָט מען:

— גדעון, דער זון פון יואש, האָט דאָס געטאָן.

האָבן זיך די מענטשן ארומגעקליבן ארום יואשס הויז און פארלאנגט:

— יואָש, גיב אונז דיין זון ארויס!.. ער האָט דעם מזבח

פון בעל צעבראָכן און דעם בוים, וואָס איבער אים, אָפגעשניטן— גיב אונז דיין זון, וועלן מיר אים טויטן!..

איז גדעונס טאטע צו די מענטשן פון שטאָט ארויסגעקומען און זיי אזוי געזאָגט:

— ווילט איר מיט מיין זון, גדעון, זיך קריגן צוליב דעם גאָט בעל?—ער איז דאָך א גאָט, זאָל ער זיך אליין קריגן!.. זאָל ער אליין שטראָפן מיין זון!.. גדעון האָט דאָך זיין מזבח צע־שטערט!..

— זאָל קריגן מיט אים בעל!..—האָבן די מענטשן געזאָגט און זיך צוגאנגען.

און גדעון האָט שוין ניט געקענט בלייבן אין זיין טאטנס פעלדער. דער רוח פון א העלד און גבור האָט ארומגעפירט דעם יונגן גדעון איבער גאנץ אפרים, און געטראכט האָט ער וועגן דעם:

— זיינען דען די זיידעס ארויס פון מצרים, כדי צו ווערן קנעכט ביי מדין און עמלק?!—

---

## ד.

און אין יענער צייט האָבן זיך מדין און עמלק צונויפגע־זאמלט און געלאָזן זיך צום לאנד ישראל. געקומען זיינען זייערע

מחנות אין טאָל יזרעאל. פון יענעם מאָל וועלן זיי זיך אין די פעלדער, בערג און טאָלן פון אשר, זבולון און נפתלי לאָזן

— דו וועסט דעם פאָלק ישראל העלפן!... — האָט דער מלאך גדעונען געזאָגט.

ייִ גדעון האָט אין שופר געבלאָזן.

— ווער ס'איז א העלד און וויל מיט מדין און עמלק מלחמה האלטן, זאָלן קומען צו מיר!...

זיינען צום ערשטן די גבורים פון אביעזר געקומען. האָט גדעון געשיקט אָנזאָגן אין גאַנץ מנשה, איז מנשה געקומען. האָט גדעון געשיקט אָנזאָגן אין אשר, זבולון און נפתלי, און אַלע זיינען זיך צונויפגעקומען.—

און ס'האָט אומרואיק געשלאָגן גדעונס האַרץ:

— וועט קומען די הילף צי ניט?—

און א גאַנצן טאָג און א גאַנצע נאַכט האָט גדעון גערופן:

— וועט שטאַרק און קרעפטיק זיין דער גייסט פון ישראלס העלדן?

---

ביי עין חרד האָט זיך גדעונס מחנה געזאַמלט, און אין טאָל מרה איז די מחנה פון מדין געווען. און העלדן מוטיקע און דרייסטע האָט גדעון געוואָלט איד זיין מחנה האָבן, האָט ער אזוי געזאָגט:

— ווער ס'האָט מורא און שרעקט זיך, זאָל זיך אָפּטיילן פון דער מחנה און זאָל צום באַרג גלעד אַוועק!

זיינען א סך שרעקעדיקע געווען. צוואנציק טויזנט זיינען זיי, די שרעקעדיקע, געווען און צען טויזנט זיינען מיט גדעונען געבליבן.

איז דאָס נאָך אויך צופיל פאר גדעונען געווען. געוואָלט האָט ער נעמען מיט זיך אזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געבוקט זיך צום אָפּגאָט בעל און עשתרות.

איז גדעון מיטן גאנצן פאָלק צום טייך אראָפּ וואסער טרינקען. די וואָס זיינען געוויינט געווען צו די אָפּגעטער זיך בוקן, האָבן זיך צום טייך געקניט און מיטן מויל דאָס וואסער געטרונקען; די, וואָס זיינען זיך צום בוקן ניט געוויינט געווען האָבן מיט די הענט וואסער געשעפּט און זייער דורשט געשטילט.

און מיט די הענט האָבן דעם וואסער געטרונקען נאָר דריי הונדערט אידן.

האָט גדעון דאָס גאנצע פאָלק צוריק א היים געשיקט: ניט גענוג שטארק איז זייער מוט, ניט גענוג דרייסט איז זייער הארץ. געבליבן איז ער נאָר מיט דריי הונדערט העלדן.

ער האָט די לעצטע צען טויזנט א היים געשיקט. זיי האָבן נאָר זייער שפּייז און זייערע שופרות פאר די דריי הונדערט בעלאַזן.

— ווען קענען דריי הונדערט העלדן גובר זיין די מחנה פון מדין, וואָס לאַגערט אַזוי אין טאָל?

און עס איז פאַרזאָרגט דער יונגער גדעון, און ער שלאָפט ניט די נאַכט.

נעמט ער מיט זיך דעם יונג זיינעם פורה און ער וועט אין דער נאַכט זיך אַראָפּלאָזן צו דער מחנה פון מדין און עמלק, כדי צו הערן וועגן וואָס עס ריידן די מחנות פון שונא, די מחנות פון מדין, עמלק, וואָס זיינען פיל, ווי דער היישעריק, און קעמלען האָבן זיי אַזוי פיל ווי זאַמד, וואָס ביים ברעג ים.

לאָזט זיך גדעון מיט זיין יונג אין דער שטילער נאַכט פון באַרג אַראָפּ צום שונא. איז ער אָנגעקומען אין עק פון דער פרעמדער מחנה. הערט ער, ווי אין שלאָף פון דער נאַכט דער־ציילט איינער פאַרן צווייטן זיין חלום:

— עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז א לעבל גערשטן־ברויט קייקלט זיך אין מדינס מחנה. האָט זיך דאָס ברויטל צוגעקייקלט ביזן געצעלט, זיך אָן אים אָנגעשטויסן און אים איבערגעקערט

האָט דער צווייטער מיט אימה געענטפערט:

— איך וועל דיר דעם חלום באַשיידן: דאָס איז גדעונס שווערד, וואָס אונטער אים וועט גאַנץ מדינס מחנה פאַלן...

דאַמאָלסט האָט גדעון פאַרשטאַנען, אַז זיין שרעק איז אויף זיי געפאַלן און מיט אימה איז דאָס האַרץ פון עמלק פול.

האָט גדעון צוריק אויף זיין באַרג געאײַלט.

— שטייט אויף, העלדן פון ישראל — האָט גדעון גערופן — אין אונזערע הענט זיינען דאָך די מחנות פון מדין און עמלק!... גאָט איז מיט אונז!

האָט ער צעטיילט די דריי הונדערט העלדן אויף דריי מחנות. יעדערן פון די מחנות געגעבן דריי זאכן!

א שופר, א ליידיקן קרוג און א פייערדיקן שטורקארץ אין קרוג אריין.

— ווי איך וועל טאָן, אזוי וועט איר אויך טאָן!. — האָט זיי גדעון געזאָגט.

און זיי זיינען אין דער נאכט אוועק צו מדינס און עמלקס מחנות, וואָס זיינען געשלאָפן און פחדימדיקע חלומות געהאט.

פון דריי עקן זיינען גדעונס דריי מחנות אָנגעקומען. ווי זיי זיינען אין מדינס מחנות אריין, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שאלן אין די שופרות, די טעפ מיט רעש צעבראָכן און אין די לינקע הענט די פלאמיקע שטורקארצן גענומען און געשריען:

— צו גאָט און צו גדעון!...

איז א מהומה אין מדינס און עמלקס מחנות געוואָרן. אין שרעק און בהלה האָבן זיי איינע אין די אנדערע די שווערדן געשטעקט. גדעונס גבורים האָבן אין די שופרות געשאלט, מיט די שטורקארצן אימהדיקע פייערן אין דער נאכט געשאָטן און געיווולט.

— פאר גאָט און פאר גדעון!...

אין שרעק און בהלה האָט זיך צעלאָפן די מחנה פון מדין און עמלק. האָבן זיי נאָכגעיאָגט די העלדן פון נפתלי, אשר און מנשה. גדעון האָט געשיקט שלוחים צו די אידן פון בארג אפרים און זיי אזוי געזאָגט:

— קומט ארויס אנטקעגן מדינס מחנה, פארנעמט דאָס וואסער ביז בית־מרה און דעם ירדן, און פארצאמט פאר זיי דעם וועג.

האָבן זיי אזוי געטאָן און געפאנגען די צוויי פירשטן פון מדין: דעם פירשט ערב און דעם פירשט זאב.

און ס'האָט גדעון מיט זיינע דריי הונדערט העלדן געיאָגט די מחנות פון מדין ביז איבער דעם ירדן.

ער האָט געשלאָגן די מחנות און געפאנגען זייערע מלכים: דעם מלך זבח און דעם מלך צלמנע.

און ס'האָט זיך גדעון צוריקגעקערט פון דער מלחמה.

האָבן דאמאלסט די מענטשן פון ישראל צום העלדישן גדעון געזאָגט:

— געוועלטיק די איבער אונז, זיי אונזער עלטסטער, דו האָסט דאָך אונז געהאָלפן פון מדינס האנט!...

האָט זיי גדעון געענטפערט:

— ניט איך, ניט מיין זון וועלן געוועלטיקן איבער אייך,
זאָל איבער אייך געוועלטיקן גאָט! —

און ער איז אוועק און זיך באַזעצט אין זיין שטילער היים
אין עפרה.

שטיל און רואיק איז אין לאַנד געווען. די מחנות פון
מדין זיינען מער ניט געקומען. אין די פעלדער פון עפרה איז
גדעונס הויז געשטאַנען.

אַלט און גרוי איז גדעון געוואָרן. זיבעציק זין האָט ער
געהאַט. פערציק יאָר איז קיין שונא צו די גרענעצן פון לאַנד
ניט געקומען.



# VI.

# יפתח.

## א.

אין די הענט פון עמון און פלשתים איז ישראל געווען. האָבן זיי געדריקט און שלעכטס געטאָן די אידן. אין די שטעט פון יהודה, בנימין און אפרים געקומען.

און אין גלעד האָט געלעבט אן איד, וואָס גלעד איז זיין נאָמען געווען. געהאט האָט ער א סך קינדער, און איינעם פון זיי האָט מען גערופן יפתח

נאָר יפתחס ברידער האָבן יפתחן פיינט געהאט, ווייל ניט זייער מאמע האָט יפתחן געבוירן. האָבן זיי אים ארויסגעטריבן פון גלעדס שטוב און גלעדס נחלה:

זאָלסט קיין חלק אין אונזער טאטנס שטוב ניט האָבן און זאָלסט קיין ירושה אין גלעד ניט באקומען!...

איז אוועק יפתח און האָט זיך באזעצט אין לאנד טוב. האָט יפתח צו זיך צוגעקליבן מענטשן אָפגעריסענע און פארבי־טערטע, א גאנצע מחנה געהאט, און ער איז זייער עלטסטער געוואָרן.

א גבור-חיל איז יפתח געווען. פלעגט ער מיט זיין מחנה אויף די וועגן ארויס, און באפאלן, און בארויבן, און מיטן רויב זיך טיילן. פלעגט ער אין די ווייטע געגנטן זיך לאָזן און צוריק אין היים, אין טוב, קומען מיט זעק האָב און גוטס.

און אין שטאָט גלעד פלעגט ער ניט קומען, ווייל זיינע ברידער האָבן אים פארטריבן און פאריאָגט פון זיין טאטנס נחלות.

איז אָבער די מחנה פון מלך פון עמון צו דער שטאָט גלעד געקומען און דאָרט געלאגערט. האָבן זיך די אידן צונויפ-געקליבן אין מצפה און דאָרט זייער מחנה געמאכט.

און ס'האָבן געזאָגט די עלטסטע פון גלעד איינע צו די אנדערע:

— דער, וואָס וועט מיט עמון מלחמה האלטן, וועט זיין דער עלטסטער איבער אלע פון גלעד.

און זיי האָבן גערופן:

— ווער איז דער מענטש, וואָס וועט די מלחמה אָנהייבן?

און אז ס'איז קיינער ניט געווען, ווער עס זאָל דרייסט זיין קעגן דער מחנה פון עמון זיך צו שטעלן, האָבן זיך די זקנים פון גלעד אָן זייער ברודער, יפתח דעם העלד, דערמאָנט:

— ווען מיר גיין יפתחן רופן.

און זיי האָבן אזוי געטאָן. זיינען די זקנים אין לאנד טוב צו אים אוועק, און אים געזאָגט:

— קום וועסטו איבער אונז א פירסט זיין און מיר וועלן מיט עמון מלחמה האלטן.

האט אָבער יפתח די זקנים געענטפערט:

— איר האט דאָך מיר פיינט, פון מיין טאטנס שטוב האט איר מיר ארויסגעטריבן, צו וואָס־זשע זייט איר געקומען צו מיר איצט, בשעת אייך איז שלעכט און עמון שטייט אין אייער שטאָט?

האָבן די זקנים אים געבעטן:

— קערן מיר זיך דאָך צוריק צו דיר, יפתח. קום און גיי מיט אונז, יפתח; וועסטו מלחמה האלטן מיט עמון און אַן עלטסטער וועסטו ווערן איבער אלע אידן פון גלעד.

און אז יפתח איז נאָך ניט זיכער געווען אין זייער הבטחה, האָבן די זקנים איבערגעחזרט:

— גאָט זאָל זיין דער עדות צווישן דיר און אונז — אונזער פירשט און עלטסטער וועט יפתח זיין!..

האט יפתח געהערט צו די רייד פון די זקנים, און ער איז צוזאמען מיט זיי צו די אידן אין מצפה געקומען.

---

## ב.

די מחנה פון עמון האט אין גלעד געלאגערט. האט יפתח געשיקט צו עמון שלוחים, כדי זיי זאָלן אזוי זאָגן:

— וואָס האָב איך מיט דיר, וואָס דו ביסט געקומען שטרייטן אין מיין לאַנד?

האָט דער מלך פון עמון אַזוי געלאָזט ענטפערן יפתחן:

— בעת די אידן זיינען פון מצרים געגאַנגען, האָבן זיי אונזער לאַנד פאַרנומען, דאָס שטיק לאַנד פון ארנון ביז יבק און ביז דעם ירדן, גיב מיר אָפּ מיין לאַנד צוריק!

האָט יפתח צוריק געשיקט שלוחים צום מלך פון עמון מיט אַזעלכע רייד:

— אַזוי האָט יפתח געזאָגט: עס האָט ניט פאַרנומען ישראל דאָס לאַנד מואָב און דאָס לאַנד פון עמון. ווען די אידן זיינען פון מצרים אַרויס זיינען זיי ביז דעם ים־סוף גע־קומען. האָבן זיי געשיקט בעטן דעם מלך אדום: „לאָז מיר דורכ־ציִען דיין לאַנד", האָט מלך אדום ניט געלאָזן. האָבן זיי געשיקט בעטן דעם מלך מואָב: „לאָז אונז דורכציִען דיין לאַנד", האָט דער מלך מואָב אויך ניט געלאָזן. איז ישראל געבליבן זיצן אין קדש.

דערנאָך האָט ישראל אַרום דאָס לאַנד אדום און מואב געגאַנגען און קיין ארנון געקומען; פון דאָרט געשיקט צו דעם מלך סיחון:

— לאָז מיר דורכגיין דיין לאַנד!

האָט סיחון ניט געוואָלט טרויען די אידן און אין יהצה האָט ער אַ מלחמה מיט ישראל געמאַכט. האָבן די אידן אים און

זיין מחנה געשלאָגן, און גערשנט דאָס לאַנד פון מלך סיחון, דעם גרעניץ פון אמרי, פון ארנון ביז יבק, פון מדבר ביז דעם ירדן.

ווילסטו, מלך פון עמון, איצט דאָס לאַנד פון ישראל צונעמען?

שוין דריי הונדערט יאָר, ווי ישראל זיצט אין די שטעט, ביסטו אַצינדער געקומען זיי ירשענען?

ביסטו בעסער פון בלק, דעם זון פון צפור, דער מלך פון מואב, וואָס האָט געקריגט מיט ישראל—נו, האָט ער ישראל ביי־געקומען?

און נאָך זאָלן זאָגן די שלוחים:

— אַזוי האָט יפתח געזאָגט: מלך פון עמון, יפתח האָט קעגן דיר ניט געזינדיקט און דו ביסט געקומען שלעכטס צו טאָן—זאָל גאָט משפטן צווישן די קינדער פון ישראל און די קינדער פון עמון!...

נאָר ס'האָט ניט געוואָלט הערן דער מלך פון עמון צו די רייד פון יפתח.

א מלחמה מיט ישראל האָט ער געוואָלט.

---

ג.

האָט זיך יפתח אין מלחמה געקליבן.

—גאָט—האָט יפתח געזאָגט—אויב צוריק צו מיין הויז וועל איך זיך אומקערן בשלום, וועל איך דעם ערשטן, וואָס וועט צו מיר ארויסקומען פון מיין טיר, פאר דיר א קרבן ברענגען!..

דאָס האָט יפתח א נדר צוגעזאָגט. אזוי וועט ער גאָט דאנקען. דער קרבן וועט א עולה זיין—איינגאנצן וועט ער אים פאר גאָט פארברענען.

און יפתח האָט זיך אוועקגעלאָזן. ער איז דורכגעגאנגען גלעד, דורכגעגאנגען מנשה, מצפה־גלעד און פון מצפה־גלעד צו די בני עמון.

האָט יפתח גערופן די אידן פון אפרים:

— א קריג־מענטש בין איך געווען און קריגן גיי איך איצט מלך פון עמון, קומט איר און העלפט מיר!...

איז אפרים ניט געגאנגען. האָט יפתח אליין זיך איינגעשטעלט און מיט זיין קליין מחנה די מלחמה מיט עמון אָנגעהויבן.

א קריג־מענטש איז יפתח געווען און קריגן געקענט. און שטארקער איז געוואָרן יפתחס האנט איבער עמונס און ער האָט עמונען געשלאָגן, פון ערער ביז דו קומסט קיין נית.

צוואנציק שטעט פון עמון האָט יפתח געשלאָגן. ער האָט בעזייט די מחנה פון שונא, די וואָס זיינען געבליבן, האָבן זיך אונטערטעניקט יפתחן.

און מיט נצחון האָט זיך יפתח צוריקגעקערט אין לאנד אריין — יפתח מיט זיין מחנה גבורים.

ער וועט שוין דער פירשט און עלטסטער פון גלעד זיין. מיט די זקנים פון גלעד וועט ער זיצן, ישראלן וועט ער משפטן, פאר זיין גבורה וועט עמון ציטערן און וועט שוין. מער אין די שטעט ניט קומען.

עס וועט שוין מער יפתח אויף די וועגן ניט לויערן, און ניט אין די בערג וועלן זיינע געצעלטן זיין—ער איז יפתח דער העלד, וואס האט ישראל פון עמין געהאלפן. עס וועלן מער ניט זאגן זיינע ברידער:

— יפתח האט קיין חלק ניט אין גלעד.

מיט טענץ און פויקן וועט מען אים אין גלעד באגעגענען און פרייען וועט מען זיך מיטן העלד.

עס רייט יפתח צוריק אויפן וועג קיין גלעד און פול מיט פרייד איז זיין הארץ, און געדענקען געדענקט ער זיין נדר צו גאט.

— דעם ערשטן, וואס וועט צו מיר דורך מיין טיר ארויסקומען, גיב איך אפ א מתנה צו גאט.

---

## ד.

איין און איינציק טאכטער האט יפתח געהאט, ניט קיין זין און ניט קיין טעכטער מער. אז ער איז אין מלחמה אוועק

האָט ער אין זיין הויז אין מצפה זיין טאָכטער געלאָזן.

איז זי געזעסן און געוואַרט איר טאַטע זאָל צוריק בשלום קומען. געוואָלט האָט יפתחס טאָכטער, אַז איר טאַטע זאָל עמונס מחנות שלאָגן און מיטן נצחון שנעל א היים זיך קערן.

האָט זי טאָג נאָך טאָג אויסגעקוקט, צו קומט שוין איר טאַטע מיט זיין מחנה פון די בערג. אַז איר טאַטע איז נאָך ניט געקומען, האָט זי ביי די זקנים געפרעגט, און יענע האָבן איר דערציילט די בשורה, וואָס האָט זיך דערטראָגן:

— עס טרייבט דיין טאַטע עמונס חיל און שלאָגט ווייט־ע שטעט...

האָט זיך די טאָכטער געפרייט פאַר איר טאַטן דעם גבור און אין אומגעדולד גערעדט:

— ווען קומט שוין מיין טאַטע אין אונזער היים צוריק?...

ביז ס'איז די בשורה אין מצפה געקומען:

— עס קערט שוין צוריק יפתח מיט זיין מחנה.

און א גאַנצן טאָג האָט יפתחס טאָכטער צו די בערג און וועגן געקוקט — באַלד וועט זיך דאָרט איר טאַטע יפתח באַווייזן.

און עס איילט יפתח א היים, שנעל איילט ער קיין גלעד, פון גלעד קיין מצפה, וואו זיין שטוב שטייט, וואו זיין טאָכטער וואַרט אויף די טריט פון איר טאַטן.

אין עס יוועלט די שטאָט אים אַנטקעגן:

— יפתח אונזער העלד!.. יפתח אונזער פירשט!...

עס איילט יפתח צו זיין היים אין מצפה. דערוואַרט האָט זיך זיין איינציקע טאָכטער: דאָס קומט איר טאַטע, איר טאַטע. איר טאַטע דער העלד, יפתח, וואָס האָט עמון געשלאָגן און צוואַנציק עמונס שטעט פאַרנומען. —

און ניט געוואַרט האָט זי ביז איר טאַטע איז אין שטוב געקומען. מיט פויק און טאַנץ לויפט זי אים אַנטקעגן, פרייען זיך מיט אים און טאַנצן פאַר אים און שפּילן פאַר אים. —

און מיט איר איילן אַלע שענסטע טעכטער פון מצפה.

איז זי פון שטוב דורכן טיר אַרויס. —

איר אַנטקעגן איז איר טאַטע יפתח געשטאַנען.

נאָר וואָס איז ווייס, ווי טויט, זיין געזיכט!... וואָס איז ער שטיין געבליבן און גייט ניט ווייטער?

וואָס רייסט ער זיינע קליידער פון זיך?

עס האָט די טאָכטער פון איר טאַטנס נדר ניט געוואוסט, ביז זי האָט דערהערט, וואָס איר טאַטע זאָגט:

—אהאָ, מיין טאָכטער, דו האָסט דעם אומגליק געבראַכט, א קרבן פאַר גאָט דאַרפסטו זיין — איך האָב צוגעזאָגט, ווי אזוי קען איך צוריקקערן?

עס רייסט יפתח אין פאַרצווייפלונג זיינע קליידער פון זיך, און ער הערט, ווי זיין איינציק טאָכטער רעדט צו אים:

— טאטע, ווי פון דיין מויל איז ארויס, אזוי דארפסטו מקים זיין... נקמות פון דיינע פיינט האָט גאָט דיר געשיקט — גיב אים דיין מתנה, — דיין איינציקע טאָכטער!...

נאָר געבעטן האָט זי א בקשה ביי איר טאטן:

— נאָך יונג איז דיין טאָכטער, טאטע... א בתולה איז דיין טאָכטער, לאָז מיר צוויי חדשים, צו גיין מיט מיינע חברטעס אין די בערג און באוויינען מיין מיידלשקייט...

און דערנאָכדעם זאָל איר טאטע זיין טאָכטער פאר א קרבן צו גאָט ברענגען, ווי ער האָט צוגעזאָגט.

— גיי וויינען אין די בערג... — האָט דער טאטע יפתח זי געשיקט.

---

ה.

איז זי אוועק מיט אירע חברטעס אין די בערג

פון בארג צו בערגעלע איז זי געגאנגען. יעדעס גרעזעלע געקושט און זיך געזעגנט:

— זייט געזונט, גרעזעלאך, פון די בערג גלעד...

איז זי צו יעדעס ביימעלע צוגעגאנגען, אים ארומגענומען, געקושט זיינע צווייגעלאך און בלעטעלאך, געוויינט און געזעגנט זיך:

דיט געזונט, ביימעלאך פון מצפה. —

זי איז צום קלאָרן וואסערל צוגעקומען, אין זיין קריסטאל געקוקט און איר אומעטיקן, מיידלשן פנים אין אים געזען, האָט זי געלאָזט אירע טרע־ן אין וואסערל אריינפאלן און גע־זעגנט זיך:

— זייט געזונט, וואסע־לאך פון אפרים און מנשה, און געדענקט דאָס מיידעלע, וואָס וועט א ק־בן אויפן מזבח זיין...

צוויי חדשים איז זי מיט אירע חברטעס אין די בערג געווען און איר מיידלשקייט באוויינט. —

און ס'האָט זיך דאָס געוויין געהערט פון דער טיפעניש פון די בערג. איז דער געוויין ביז גלעד געקומען און ביז מצפה דערגרייכט:

— יפתחס טאָכטער וויינט...

און אז ס'האָבן זיך די צוויי חדשים געענדיקט, האָט זי זיך צו אים, צו איר פאָטער, אומגעקערט.

און ער האָט געטאָן ווי זיין נדר איז געווען.

— א לעבעדיקן מענטשן גאָר פאר א קרבן ברענגען? וואו איז דאָס געהערט געוואָ־ן? ווען האָט געקענט אזוינט אויפן געדאנק קומען?.. האָט מען אין גאנץ ישראל דאָס קלאָגן געהערט.

אליין אין זיין הויז, וואָס אין מצפה, האָט נאָך יפתח זעקס יאָר איינזאם געלעבט און דערנאָכדעם דאָרט געשטארבן.

פון דאמאָלסט אָן זיינען יאָר־איין יאָר־אויס די טעכטער פון ישראל געגאנגען פיר טעג אין די בערג פון גלעד, צו באַקלאָגן דער טאָכטער פון יפתח הגלעדי...

V.

# שמשון.

## א.

ע ס איז געווען אין דער צייט, ווען עס האָבן גע־ריכטעט די ריכטער. נאָך גדעונען איז אבימלך א שופט געווען, נאָך אבימלכן איז תולע בן פואה געווען, נאָך תולע בן פואה איז יאיר הגלעדי געווען, נאָך יאירן איז יפתח געווען, נאָך יפתחן — אבצן פון בית לחם, נאָך אבצן — אילון הזבולוני, נאָך אילון הזבולוני — עבדן בן הלל...

איז געשטאָרבן עבדן בן הלל, אין לאנד אפרים האָט מען אים באגראָבן, אויף דעם עמלק־בארג.

און עס טוט אין ישראל יעדערער, וואָס אים געפעלט, און שוין פערציק יאָר, ווי די האנט פון פלשתים איז איבער די אידן.

אין דער משפחה דן, אין צרעה, איז געווען איינער מיטן נאָמען מנוח. זיין ווייב איז אן עקרה געווען, זי האָט קיין איין קינד ניט געבוירן.

איז מנוח אוועק ארבעטן אין זיינע פעלדער, און ביים שטוב איז זיין ווייב געבליבן.

א טרויעריקע איז מנוחס ווייב געווען, א טרויעריקע דער־פאר, וואס אליין איז זי אין איר שטוב, קיין מיידעלע האט זי ניט אויפן האנט, און אירס אן איגעלע שפילט זיך ניט מיט די גרעזעלאך אין פעלד.

איז זי ביי איר שטוב געזעסן און פארצערט איז איר הארץ געווען.

האט אבער געטראפן א מאדנער וואונדער: א מלאך איז צו איר אראפגעקומען...

האט זיך מנוחס ווייב דערשראקן. אבער דער מלאך האט צו איר געזאגט:

— איך קום צו דיר א בשורה זאגן: וועסט א זון געבוירן. זאלסט קיין וויין ניט טרינקען, זאלסט קיין טמא ניט עסן. או דיין קינד וועט געבוירן ווערן, זאלסטו די האר פון זיין קאפ ניט אפשערן, און אז העלד וועט דיין זון זיין, א גבור, און ער וועט אנהייבן העלפן די אידן פון פלשתימס האנט...

און דער מלאך איז בעלם געווארן.

פון פעלד איז מנוח געקומען. האט זיך געאיילט די ווייב אים צו דערציילן:

— א געטלאכער מענטש איז דא געווען... זיין געשטאלט איז, ווי פון א מלאך פון הימל, און ניט געפרעגט האב איך אים, ווער ער איז, און פון וואנען ער קומט, און ווי איז זיין נאמען,

נאָר געזאָגט האָט ער מיר, אז איך וועל א זון געבוירן, וואָס וועט דעם פאָלק ישראל העלפן...

און זי האָט צוגעגעבן:

— געזאָגט האָט ער מיר, איך זאָל די האָר פון זיין קאָפּ קיינמאָל ניט אָפּשערן...

האָט מנוח אויסגעהערט די רייד פון זיין ווייב און איז אוועק אין ווינקל פון זיין פעלד און האָט אזוי געבעטן:

— איך בעט דיר, גאָט, זאָל קומען נאָכאמאָל דער מלאך, וואָס דו האָסט געשיקט צו מיין הויז, און זאָל ער אונז לערנען, וואָס צום טאָן מיטן קינד, וואָס וועט ביי אונז געבוירן ווערן!..

אויף מאָרגן איז מנוח ווידער אין פעלד אוועק, און זיין ווייב איז אליין אין שטוב פארבליבן. איז זי ווידער געזעסן ביי איר פעלד, נאָר געטראכט האָט זי שוין וועגן דעם, אז זי וועט אן אינגעלע געבוירן, וועט ער האָבן שווארצע הערעלאך, וועט זי זיי קיינמאָל מיט קיין שערעלע ניט אָנרירן, אזוי ווי די זון געקרייזלט מיט שטראלן, אזוי וועט געקרייזלט מיט לאָקנס זיין קאָפּ זיין...

זיצט זי ביי איר פעלד, און דער מלאך איז נאָכאמאָל צו איר געקומען. איז זי גלייך געלאָפן צו איר מאן מנוח אין פעלד אריין:

— קום גיכער, מנוח, עס איז ווידער געקומען דער מאן פון נעכטן און וואַרט ביי אונזער הויז.

איז מנוח גיך אוועק נאָך זיין ווייב, און זי האָט אים גע־בראכט צום פרעמדן, וואָס האָט איר געכטן און היינט די בשורה וועגן איר קינד געבראכט.

— ביסטו דער מאן, וואָס האָט צו מיין ווייב גערעדט?..

— האָט אים מנוח געפרעגט.

— דאָס בין איך!..

האָט מנוח ווידער גערעדט:

— זאָג מיר, ווי זאָל זיין דאָס רעכט פון קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן, און ווי זאָלן מיר זיך באגיין מיט אים?

האָט אים דער געקומענער געענטפערט:

— טו אלץ, ווי איך האָב דיין ווייב אָנגעזאָגט. זאָל דיין ווייב קיין וויין ניט טרינקען, זאָל דיין ווייב קיין טמא ניט עסן!..

און עס וויל דער פרעמדער צוריק אוועקגיין, האלט אים אָבער אָפּ מנוח:

— פארהאלט זיך נאָך דאָ ביי אונז, און מיר וועלן פאר דיר א ציגן־באָק פארטיק מאכן.

— דיין ברויט וועל איך ניט עסן — האָט אים דער מלאך געזאָגט — ווילסטו אן עולה פאר גאָט ברענגען, — טו אזוי!..

און בשעת מנוח האָט דעם פייער געמאכט אויפן פעלז פארן ציגן־באָק, און דער פלאם האָט זיך צום הימל געהויבן, איז דער מלאך מיטן פלאם נעלם געוואָרן.

האָבן מנוח און זיין ווייב געזען, ווי עס טראָגט זיך מיטן פלאם דער בשורה־אָנזאָגער, זיינען זיי פון אימה מיטן פנים צו דער ערד געפאלן.

דער מלאך איז צוריק ניט געקומען, האָט מנוח צו זיין ווייב מיט שרעק גערעדט:

— מיר וועלן שטארבן... מיר האָבן דאָך מיט אונזערע אויגן א מלאך געזען...

עס האָט אָבער אנדערש גערעדט מנוחס ווייב.

— ניט שטארבן וועלן מיר... די בשורה וועט מקוים ווערן.

און זי איז טאקע טרעגעדיק געווען: זי האָט א זון געבוירן, און אים א נאָמען געגעבן שמשון.

---

## ב.

א געבענטשטער זון איז שמשון געווען: אין די פעלדער פון זיין טאטן מנוח איז ער געוואַקסן, צווישן די ווייגערטנער פון תמנת.

ער איז נאָך יונג געווען, א קינד פון שבט דן, וואָס זיין טאטנס פעלדער ליגן צווישן צרעה און אשתאל, און שוין שלאָגט אין זיין הארץ דער גייסט. —

א גבור איז שמשון געווען. גייט איינמאָל שמשון צווישן די וויינגערטנער און א יונגער לייב איז אָנגעלאָפן אים אנטקעגן. לויפט דער לייב און קולערט אין פעלד.

לויפט ער גלייך אויף שמשונען. איז אָבער שמשון שטאר־קער געווען פאר'ן לייב: מיט די הענט האָט ער אים צעריסן, ווי מען צערייסט א ציג...

און ער האָט ליב געהאט אין לאנד פון די פלשתים אראָפּצוגייען, אין לאנד פון שונא, און מיט די יונגען פון פלשתי זיך שפילן.

איז איינמאָל שמשון קיין תמנת געגאנגען. זעט ער אויפן וועג דעם גוף פון לייב, וואָס ער האָט צעריסן, און דאָרט האָבן זיך בינען באזעצט און האָניק געמאכט. האָט ער פולע הענט האָניק אָנגענומען און געגעסן די גאנצע וועג, ביז ער איז קיין תמנת געקומען.

אין דאָרט האָט ער דרייסיק פלשתים־יונגען א רעטעניש געפרעגט:

— פון דעם עסער איז ארויסגעקומען אן עסנוואַרג און פון דעם שטארקן איז ארויס א זיסער — וואָס איז דאָס?..

און געזאָגט האָט ער אזוי:

— אויב די פלשתים־יונגען וועלן פותר זיין די רעטעניש, וועט ער זיי געבן דרייסיק בגדים־פאָר און אויב זיי וועלן ניט פותר זיין זאָלן זיי אים געבן דרייסיק בגדים פאָר.

און צייט האָט ער זיי געגעבן זיבן טעג.

האָבן די פּלשתים־יונגען א שוועסטער געהאט און שמשון האָט זי ליב געהאט, איז זי געקומען אלע טאָג און ביי אים געזעסן:

— א רעטעניש האָסטו געפרעגט און די באשיידונג זאָג מיר!...

האָט זי ביי אים שטארק געבעטן. האָט ער פאר איר דערציילט, אז פון שטארקן לייב האָט ער זיסן האָניק ארויסגענומען, איז דאָס די באשיידונג פון דער רעטעניש.

איז זי אוועק צו די פּלשתים־יונגען, האָט פאר זיי דאָס דערציילט, האָבן זיי שוין געקענט די רעטעניש באשיידן, זיינען זיי געקומען אויפן זיבעטן טאָג, איידער די זון פארגייט, און געזאָגט צו שמשונען:

— וואָס קען זיין זיסער פון דעם האָניק, ווער קען זיין שטארקער פון דעם לייב?...

האָט שמשון פארשטאנען, אז ער כ'האָט זיי די רעטעניש באשיידט, און ער האָט זיי געענטפערט:

— אייער שוועסטער האָט אייך דערציילט און די רעטעניש באשיידט.

אָבער דרייסיק בגדים־פאָר האָט ער געמוזט געבן.

איז ער ארויס אין שטאָט, האָט דרייסיק פּלשתים־יונגען

געשלאָגן און זייערע בגדים האָט ער אוועקגעגעבן צו די אנדערע דרייסיק, וואָס האָבן די רעטעניש באשיידט. עס האָט אין אים דער צאָרן אויף די פלשתים געברענט, און ער איז אוועק צום טאטן אין הויז.

און ס׳איז א צווייט מאָל געווען, אין די טעג, ווען כ׳ען שניידט די ווייץ פון די פעלדער. די פעטע פעלדער פון די פלשתים זיינען פול מיט ווייץ-גארבן געווען, אויסגעטריקנטע פון די ווארימע ווינטן און אויסגעוואָרימטע פון דער הייסער זון.

האָט שמשון געכאפט דרייסיק פוקסן, האָט צוויי עקן פון צוויי פוקסן צונויפגעבונדן, צווי עקן פון צוויי פוקסן, צוויי עקן פון צוויי פוקסן און צווישן — א פייערדיקן שטורקארץ אריינגע־שטעקט.

ער האָט די פוקסן געלאָזט לויפן מיט זייערע פייערן צו די פלשתים אין די פעלדער. האָבן זיך די גארבן אָנגעצונדן, האָבן די גארבן געברענט, און דאָס פייער איז אין די ווייגער־טנער אריין.

פרעגן די פלשתים:

— ווער האָט דאָס אזוי געטאָן?

ענטפערט מען זיי:

— דאָס האָט שמשון געמאכט...

און שמשון האָט זיך באזעצט ביים פעלז עיטם, וואָס איז אין נחלה פון יהודה.

זיינען די פלשתים אראָפּגעקומען און באלאגערט יהודה.

— גיט אונז שמשונען!.. בינדן שמשונען זיינען מיר געקומען!..

זיינען דריי טויזנט מאן פון יהודה אראָפּגעקומען צו שמשונען ביי פעלז עיטם, און צו אים געזאָגט:

— דו האָסט אויף אונז די פלשתים געבראכט. ווייסן ווייסטו דאָך, אז די פלשתים געוועלטיקן איבער אונז, זיינען מיר געקומען דיר בינדן און אוועקגעבן צו די פלשתים אין די הענט —וועלן מיר פארמיידן פון אונז די האנט פון די פלשתים!..

— שווערט, אז איר וועט מיך ניט טויטן!..—האָט שמשון געבעטן פון פעלז צו די מענטשן פון יהודה.

— נאָר בינדן וועלן מיר דיך— האָבן זיי אים געענטפערט.

און געבונדן האָבן זיי אים מיט צוויי נייע שטריק און אראָפּגענומען פון פעלז. געבראכט האָבן זיי אים ביז לחי, וואו די פלשתים האָבן געלאגערט.

האָבן די פלשתים געשאלט פון שמחה און נקמה:

— שמשון איז געבונדן!..

ווי שמשון האָט געהערט דאָס שאלן פון די פלשתים, האָט ער זיך דערפילט, ווי טויזנט גבורים, און די שטריק די גראָבע, וואָס אויף אים, זיינען געוואָרן ווי איבערגעברענטער פלאקס. האָט ער זיי פון די הענט אראָפּגעריסן, און ער האָט זיך אריינ-

געלאזן אין דער מחנה פון די פלשתים.

אין טויזנט מענטשן פון די פלשתיר זיינען געפאלן אונטער שמשונס הענט.

איז דער שרעק פאר שמשונען געפאלן אויף די פלשתים, און צוואנציק יאָר זיינען זיי אין די שטעט פון ישראל ניט געקומען.

און שמשון איז דער עלטסטער פון ישראל געוואָרן — שמשון דער גבור. די האָר פון זיין קאָפּ, האָט ער קיינמאָל ניט געשאָרן.

---

ג.

איז איינמאָל געקומען שמשון אין דער פלשתים־שטאָט עזה און איז דאָרט צו א פרוי אריין נעכטיקן. האָבן זיך דאָס די פלשתים פון עזה דערוואוסט. האָבן זיי א גאנצע נאכט געלויערט ארום דעם טויער פון שטוב, וואו שמשון איז געווען און זיך געסודעט:

— ווען דער מאָרגנשטערן וועט אויפגיין, וועט שוין שמשון זיין געטויט פון אונז...

איז אָבער שמשון אויפגעשטאנען אין מיטן דער נאכט, איז ארויס פון שטוב, און איז געקומען צום טויער פון שטאָט.

אין דער טויער פאררינלט געוועז, און די טירן—פאר־שלאָסן. האָט ער מיט די הענט אָנגענומען די טירן פון שטאָט־טויער און האָט זיי ארויסגעריסן מיט די ריגלען. האָט ער זיי לייכט אויף זיינע אקסלען גענומען און מיט זיי ארויף אויף דעם שפיץ בארג פון חברון.

די פלשתים, וואָס האָבן די נאכט געלויערט, האָבן געזען שמשונען, ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאנגען, שטייענדיק ווייט אויפן שפיץ בארג, און מיט די אייזערנע טירן פון זייער שטאָט עזה אויף די אקסלען, און די שטראלן פון מאָרגן־זון האָבן זיך געשפילט מיט די געקרייזטע לאָקנס ארום זיין קאָפּ...——

און ליב געהאט האָט שמשון צו קומען צום פלשתים־טייך שורק, וואו א פרוי פון די פלשתים, דלילה, האָט איר הויז גע־האט. געפעלן איז אים געווען די פרוי דלילה און ער האָט זי ליב געהאט. איז ער געקומען צו איר.

זיינען געגאנגען די פירשטן פון פלשתים צו דער פרוי דלילה און איר געזאָגט:

— א טאָכטער פון די פלשתים ביסטו דאָך, דלילה, טאָ הער זיך איין, וואָס עס ריידן צו דיר די פירשטן פון פלשתים: שמשון קומט אין דיין הויז אריין, נאר בײ אים אויס און ווער געוואָר אין וואָס שטעקט זיין שטארקער כוח, און ווי אזוי קענען מיר אים בייקומען, וועלן מיר דיר יעדערער געבן טויזנט און הונדערט זילבער־שעקער.

האָט די דלילה געפאָלגט און גערעדט צו שמשונען:

— זאָג מיר, שמשון, אין וואָס איז דיין גרויסער כּוח און ווי אזוי קען מען דיר בייקומען.

האָט איר שמשון געזאָגט:

— אויב מען וועט מיך בינדן מיט זיבן פייכטע שטריק, וועט מען מיר בייקומען...

האָבן איר די פירשטן פון פלשתּים געבראַכט זיבן פייכטע שטריק, און זי האָט אים מיט זיי געבונדן.

די פלשתּים-פירשטן האָבן ביי דלילהן אין צימער באַלויערט, און ווען שמשון איז שוין געווען געבונדן, האָט זי געשריגן:

— שמשון, פלשתּים קומען אויף דיר!...

האָט שמשון מיט זיינע הענט א צי געטאָן און אזוי לייכט זיינען די שטריק געוואָרן איבערגעריסן, ווי לייכט עס ברענט איבער דער פייער דעם פאָדים.

האָט מען ניט געוואוסט דעם סוד פון זיין כּוח. איז ווי־דער דלילה צו אים צוגעשטאַנען:

— דו האָסט געשפּאָט פון מיר און געגנאַרט, שמשון, זאָג מיר אויס דעם אמת און זאָל איך וויסן דעם סוד פון דיין כּוח...

האָט ער איר געענטפערט:

— אויב מען וועט מיך מיט נייע שטריק בינדן, וועט מען מיר בייקומען...

האָט זי אזוי געטאָן און גערופן:

— שמשון, פלשתים קומען אויף דיר!..

האָט ער די שטריק פון זיינע אָרעמס אראָפּגעריסן, ווי לייכטע פעדים וואָלטן זיי געווען. און די פירשטן, וואָס האָבן געלויערט, האָבן ווידער דעם סוד פון זיין כּוח ניט געוואוסט.

האָט זי אים א דריטן מאָל געזאָגט:

— נאַרן נאַרסטו מיר, שמשון, זאָג־זשע מיר אויס דעם סוד פון דיין כּוח...

האָט שמשון ווידער איר געזאָגט:

— זאָל מען מיינע זיבן האָר־לאָקנס, וואָס גייען פון מיין קאָפּ אראָפּ, צום וועב־שטעגנגל צופלעכטן...

און ווען שמשון איז אנטשלאָפן געוואָרן, האָט זי אזוי געטאָן און ווידער גערופן:

— פלשתים קומען אויף דיר, שמשון!..

האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און מיט זיינע האָר דעם וועב־שטעגנגל ארויסגעריסן.

און די פירשטן פון פלשתים האָבן אלץ ניט געוואוסט דעם סוד פון זיין גבורה.

האָט דלילה איס ווידער צוגערעדט:

— דריי מאָל האָסטו מיר גענאַרט, שמשון, ליבן ליבסטו

מיר ניט, דיין הארץ איז ניט מיט מיר, דעם סוד פון דיין כּוח זאָגסטו מיר ניט — איינמאָל זאָג שוין אויס, שמשון!..

איז זי צו אים צוגעשטאנען און ער האָט איר אויסגעזאָגט:

— קיין שער איז פון מיין געבוירן אויף מיין קאָפּ ניט געווען, אזוי האָט דער מלאך מיין מאמען געהייסן, ווען איך מיין קאָפּ אָפּגאָלן, ווערט מיין כּוח אָפּגענומען פון מיר!..

האָט דלילה געזען, אז ער האָט פאר איר זיין גאנץ הארץ דערציילט, האָט זי געשיקט רופן צו די פירשטן פון פלשתים:

— קומט צו מיר מיט זילבער־שטיקער — שמשון האָט מיר זיין הארץ דערציילט, דעם סוד אנטפּלעקט!...

זיינען זיי געקומען. זי האָט פאַרשוּנקען ביי איר אין שויס פארשלעפערט, און אים אפּגעגאלט די זיבן לאָקנס פון זיין קאָפּ.

— שמשון, די פלשתים קומען אויף דיר!..— האט זי צום פערטן מאָל געוויפן.

האָט ער זיך אויפגעכאפּט און ניט געוואוסט, אז שוין איז די גבורה פון אים אוועק.

ווי אלעמאָל וועט דאָס זיין — צוריק וועל איך שמשון זיין — האָט ער געמיינט.

אבער אפּגעטאָן האָט זיך פון אים דער גבור.

ער האט זיך שוין ניט געקענט ווערן קעגן די פלשתים. זיי זיינען שטארקער פון אים געווען.

האבן די פלשתים אים אין קופּערנע קייטן געשמידט, זיינע אויגן אויסגעלעכערט און אין תפיסה פארשפּארט.

און אזוי איז אנגעקומען די בשורה אין ישראל:

— א בלינדער ויצט שמשון ביי די פלשתים אין תפיסה...

---

## ד.

צוויי מאָל־שטיינער האָבן די פלשתים שמשונען אין געפענגעניש געגעבן — קערנער צו מאָלן.

איז דער בלינדער שמשון אין זיין תפיסה געזעסן און מיט די שווערע שטיינער געאַרבעט.

עס זעט שמשון גאָרניט. — זיינע אויגן זיינען אויסגעלעכערט. נאָר יעדעס מאָל, ווען ער רירט אָן מיט זיין האנט איבער זיין הויל־געגאָלטן קאָפּ, שעפּטשעט ער אין דער פינסטער:

— אוועק איז מיין גבורה!...

און עס פלאמט אויף אין זיין הארצן אויף די פלשתים:

— דלילה האָט מיר גענאַרט...

און עס זעט שמשון גאָרניט און עס הערט שמשון גאָרניט, אויסער נאָר דאָס רודערן פון די שטיינער און די טריט פון דעם שומר, וואָס שיט אים צו נייע קערנער צו מאָלן:

— אָל מאָלן דער פיינט פון די פלשתים!

און ביינאכט חלומט זיך שמשונען, אז צו זיינען אים די לאנגע האָר אויסגעוואָקסן, זיין מאמע, ווי אמאָל, פלעכט זיי און קרויזט זיי אין לאָקנס, און ווידער רייסט ער מיט די הענט א לייב און שלאָגט טויזנט פלשתים אין שונאס מחנה...

און אז ער כאפט זיך אויף, ווייס ער ניט, צי איז טאָג, צי איז נאכט, נאָר מיט די הענט טאפט ער איבער זיין קאָפּ, אויף וועלכן עס האָבן צוריק אָנגעהויבן האָר צו וואקסן, און עס ציטערט אויף אין זיין הארצן א האָפענונג.

ווידער?.. צוריק?... ווידער גבור?..

און די פירשטן פון די פלשתים זיינען זיך צונויפגעקומען אין דעם יום־טוב־טאָג, פון זייער גאָט, וואָס האָט געהייסן דגון. גרויס איז די פרייד פון די פלשתים אין זייער יום־טוב־טאָג. אָקסן און רינדער זיינען זיי מקריב אויפן דעם מזבח פון דגון, זייער גאָט.

— ער האָט אין אונזערע הענט שמשונען געגעבן...—זאָגן די פירשטן.

— אין אונזער תפיסה זיצט דער, וואָס האָט אונזערע קינדער געשלאָגן אין אונזער לאנד געחרובט—פרייען זיך די פלשתים.

גרויס איז די הויז פון דגון זייער גאָט. אויף הויכע זיילן האַלט זיך דער דאך. אומעטום איז פול מיט דעם פלשתים־פאָלק: אין הויז, ארום הויז און אויפן דאך פון הויז. פרויען און מענער

אין גאָלד געצירט, אַלע פירשטן פון פלשתים, עס ווערט ווייַן געגאָסן, פלייש געטיילט, עס שלאָגט אין דערהויך ארויף דער רויך פון מזבח, אויף וועלכן עס ליגן די פעטע אָקסן, די קרבנות צו דגון זייער גאָט...

— זאָל מען ברענגען אהערצו שמשונען, פון געפענגעניש און זאָלן מיר זיך איבער אים פריילאך מאכן...—האָבן געזאָגט די פירשטן, וואָס האבן אליין פון זייערע זעקלאך געצאָלט דלילהן צו טויזנט און הונדערט זילבער־שטיקלאך.

און עס לויפן די קנעכט צו שמשונען אין תפיסה אים צו ברענגען פון דאָרטן, פריילאך צו מאכן דאס הארץ פון די פירשטן און פאלק.

---

## ה.

עס גייט דער יום־טוב אין הויז פון זעם פלשתים־גאָט דגון. פול־איבערפולט איז די הויז מיט מענטשן. דריי טויזנט פלשתים זיינען נאָר אין הויז און אויפן דאך. פריילאך איז דאָס הארץ פון פלשתימס פירשטן. עס שכורן די וויינען און משקאות.

און פון געפענגעניש האָט מען דעם בלינדן שמשון אין דגונס הויז געבראכט, און געשטעלט אים אויף מיטן, צווישן די זיילן.

און ס'האָט זיך דאָס שפּיל מיט אים אָנגעהויבן.

— גיב אָפּ, שמשון, די דרייסיק בגדים־פּאָר פון אונזערע קינדער!.. — רייצט זיך איינער פון די פירשטן.

— און נייע רעטענישן האָסטו בעווים פון תפיסה געבראַכט?

—לאַכט פון אים נאָך איינער.

— ווי וועסטו איצטער זען די עקן פון פוקסן צובינדן?

— שפּאַט מען.

און עס לאַכט און פריידט זיך דאָס פאָלק מיט די פירשטן, און עס מערן זיך די קעלבער אויפן מזבח און די פעסער ווייַן אין דגונס הויז.

עס שווייגט נאָר שמשון. עס פּלאַקערט אין אים דער פאַר־דראָס און ווייַ, נאָר זען זעט ער גאָר נית, ער הערט נאָר די הויכע געלעכטערס פון די פלשתים. עס שווייגט שמשון, ער האָט נאָר מיט זייַנע הענט פעסטער אַרומגענומען די זיילן פון הויז.

און עס שפּאַטן און לאַכן די פירשטן און עס קייקלען זיך די געלעכטערס פון עולם. פול מיט ווייַן און פליש זייַנען די מיילער און עס שיט זיך דער חוזק איבערן בלינדן שמשון...

צעפלאַמט זיך אין שמשונען דער גייסט און ער בעט זיך ביי גאָט:

— דערמאָן זיך אָן מיר...

און עס פאַרהילכן די געלעכטערס און די שכּורע פריי־ד פון די פלשתים.

שעפטשעט שמשון:

— נאָך־אײנמאָל זיך שטאַרקן... אײנמאָל נקמה נעמען פון די פלשתּים פאַר מײַנע בײדע אױגן!...

— און עס פאַרטױבן די פרײד־געשרײען און שמחה־קולות פון װײַבער און מענער, װאָס זײַנען אין הױז געקומען און אױפֿן דאַך אַרױף.

האָט זיך שמשון פעסטער אַרומגעקלאַמערט אַרום די צװײ מיטלסטע זײַלן, און עס האָט זיך געכאַפּט אין אים דער גבור.

פײַערט ער אין פלאַטש אין דער שטיל:

— אײנמאָל נאָך צוריק אַ גבור... אײנמאָל... העלף מיך, גאָט... זאָל איך אומקומען צוזאַמען מיט די פלשתּים!..

און ער האָט מיט זײַנע הענט די זײַלן אַ צי געטאָן, און די הױז איז אײַנגעפאַלן און פאַרדעקט די פירשטן, די פלשתּים און צוזאַמען מיט זײ — אױך שמשונען...

## געפינט זיך אין דרוק:

| | |
|---|---|
| באהארא | ב. טעמט |
| קהלטע קארנויצער | פראפ. באנדאנאוו |
| אָן א לשון | ה. קאראלענקא 3-טע אויפלאגע |
| דאָמבי און זון | טש. דיקענס 2-טע אויפלאגע |